טבת תשע"ב

# די הייליגע סאטמאר'ע קהלה

באריכטן און נייעס פון קהילתינו הקדושה

אפהאנדלונגען אויף א יאר רייכע פעולות לטובת אלפי חברי קהילתינו הק'



2

## קהל יטב לב דסאטמאר פראקלאמירט יערליכן "מעמבערשיפ קאמפיין" צו איינקאסירן דעם 64'סטע יערליכע דיוס למען החזקת קהילתינו הק'

אלפי חברי קהל יטב לב וועלן אויסצאלן זייער חלק שותפות אין די קהלה קדושה – סעריע פון גאר ווערדפולע גורלות ווערט ארויסגעשטעלט צו מוטיגן דאס צאלן די יערליכע דיוס צייטליך – באזונדערע זריזין מקדימין גורלות פאר די וועלכע צאלן אויס התחייבות אין ערשטע וואכן פונעם קאמפיין

**גרענד גורל אויף $10,000 ווערד ביים ענדע פונעם קאמפיין פאר אלע אויסגעצאלטע מעמבערס**

ובאו כולם בברית יחד

### אומפארגעסליכער מעמד הכנסת ספר תורה לע"נ רביה"ק בעל ברך משה זי"ע לאזט איבער געוואלדיגן רושם אויף טויזנטער חברי קהילתינו

5

### גרויסן פארלאנג אויף די "מהודר'דיגע מצות" פון בית אופה דקהילתינו הק' אין וויליאמסבורג

כ"ק מרן רבינו שליט"א באזוכט אין בעקעריי און דרוקט אויס קורת רוח פון די געוואלדיגע הידורים

היי יעריגע מצות ווערן געבאַקן מתחלתה ועד סופה דורך מענער יראים ושלמים

6

אין בעפאָרברייטונג צום יערליכער דיוס קאסירן

### אינפאָרמאַטיווער אינטערוויו

מיט הרה"ח ר' יואל קויפמאַן הי"ו משמש דקהלתינו הק' קהל יטב לב

11



רבבות אלפי ישראל פארנט פון בית מדרשינו הגדול ביים געזעגענען פון יו"ט שמחת תורה אין וויליאמסבורג

Non Profit Org.
U.S. Postage
PAID
SMART SHOPPER

CONG. YETEV LEV DSATMAR
163 Rodney St.
Brooklyn NY 11211

# קהל יטב לב דסאטמאר פראקלאמירט יערליכן "מעמבערשיפ קאמפיין" צו איינקאסירן דעם 64'סטע יערליכע דיוס למען החזקת קהילתינו הק'

**אלפי חברי קהל יטב לב וועלן אויסצאלן זייער חלק שותפות אין די קהלה קדושה – סעריע פון גאר ווערדפולע גורלות ווערט ארויסגעשטעלט צו מוטיגן דאס צאלן די יערליכע דיוס צייטליך – באזונדערע זריזין מקדימין גורלות פאר די וועלכע צאלן אויס התחייבות אין ערשטע וואכן פונעם קאמפיין**

אין די יעצטיגע טעג האט די הנהלת הקהלה פראקלאמירט דעם יערליכן "מעמבערשיפ קאמפיין" וועלכע ווערט מידי שנה בשנה איינקאסירט אין די וואכן נאך דעם יו"ט חנוכה צו קענען פינאנצירן דעם מולטי-מיליאן דאלארדיגן בודזשעט פון די קהלה קדושה מיט אירע אלע אקטיוויטעטן פאר די טויזנטער חברי הקהילה בליעה"ר איבער ניו יארק.

במשך די קומענדיגע וואכן וועלן די טויזנטער חברי הקהילה שיחי' וועלכע זענען איינציגע שותפים אין די קהלה, אויסצאלן זייער חלק שותפות פון "מעמבערשיפ" מיט וועלכע די פעולות פון די קהלה ווערט פינאנצירט, אויף דעם זעלבן אופן וואס מרן רביה"ק זי"ע האט מייסד געווען די קהלה, אז יעדער חבר הקהלה זאל יערליך צאלן א באשטימטן סכום געלט, דערמיט נושא בעול צו זיין מיט די פעולות פון די קהלה, און קעגן קומען די הנהלת הקהלה וואס ארבעטן איבערמידליך במשך דעם גאנצן יאר צוצושטעלן אלע פעולות חובקות זרועות עולם פאר'ן גאנצן ציבור.

דאס איינקאסירן דעם דיוס אין די ווינטער חדשים איז איינגעפירט געווארן מיט עטליכע יאר צוריק, ווען די הנהלת הקהילה האט מחליט געווען אז כדי צו פארגרינגערן פאר'ן ציבור וועט מען איינטיילן די קהל'ישע באלאסטונגען אין צווייען; די דיוס קאסירונג אין די חדשים פון טבת שבט, און די זיצן וכדו' אום חודש אלול, אזוי ארום וועט נישט ארויפפאלן אויפ'ן ציבור א פארגרעסערטע הוצאה אויפאמאל.

די הכנסה פון "מעמבערשיפ" איז דער בריח התיכון אויף צו דעקן דעם בודזשעט מיט די אלע פאנטאסטישע הוצאות. טראצדעם וואס דער "דיוס אינקאם" דעקט בלויז ווייניגער ווי העלפט פון די הוצאות וואס ליגט אויף די חברי הנהלת הקהלה אהערצושטעלן, פארט איז אבער די מעמבערשיפ דער "בריח התיכון" וואס אן די הכנסה איז כמעט נישט שייך אנצוגיין מיט די טאג-טעגליכע ווירשטאפט, ובפרט אין די צייט וואס די הכנסה פון זיצן איז כמעט גענצליך אוועקגעפאלן, נאכדעם וואס אלעס וואס קומט אריין פון פארדינגן די זיצן ווערט פארנוצט פאר די הוצאות פון שכירות און חובות וואס דער ביהמ"ד האט זינט מען האט עס אויפגעבויט ביז צום היינטיגן טאג. אזוי ארום אז דער עיקר הכנסה פון די קהלה איז בלויז פון מעמבערשיפ אויף וואס מען איז אזוי שטארק אנגעוויזן.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם איז געמאלדן געווארן אז כדי צו מוטיגן דאס צאלן די דיוס-מעמבערשיפ אין צייט, האט קהל היי יאר ארויסגעשטעלט גאר ווערדפולע און נוצבארע גורלות פאר די אלע וואס וועלן אויספולן זייער מענטשליכע און תורה'דיגע פליכט, אויסצוצאלן דעם גאנצן מעמבערשיפ בעטראג אין צייט, ווי אויך באזונדערע "זריזין מקדימין" גורלות פאר די נחשונים לדבר מצוה וועלכע וועלן אויסצאלן זייער התחייבות אין די סאמע ערשטע וואכן פונעם קאמפיין.

אין די פארגאנגענע יארן האט די הנהלת הקהילה אויסגעראפעלט צום מעמבערשיפ קאמפיין פארשידענע זילבער שטיק, אבער אין ליכט פון די שווערע עקאנאמישע צייטן ביי אחב"י האט זיך געהערט א פארלאנג מצד א טייל חשוב'ע מעמבערס אז אנשטאט די זילבערנע חפצים זאל מען ענדערש אויסראפלען מער נוצבארע ארטיקלן פון וואס די געווינער וועלן קענען געניסן אויף א טעגליכן פארנעם און דערמיט זיך איינשפארן איבריגע הוצאות. אין ליכט פון דעם איז היי יאר ארויסגעשטעלט געווארן א ספעציעלער גרויסער גורל פון $10,000 ווערד אין סערטיפיקאטן פון מערערע געשעפטן, וואו דער גליקליכער געווינער וועט בעז"ה באקומען 40 סערטיפיקאטן פון $250 פער געשעפט, וואס ער וועט קענען נוצן מיט צופרידנהייט ביז א ס"ה פון $10,000.

באזונדער וועלן ארויסגעשטעלט ווערן ווערדפולע זריזין מקדימין גורלות, אין פארעם פון 3 גורל פעקעדזשעס וואס וועלן פארגעשטעלט ווערן אין דריי באזונדערע זמנים אין לויף פון דעם קאמפיין, וואס ווי פריער מען צאלט אויס דעם התחייבות האט מען די געלעגנהייט אריינצוגיין אין מער גורלות.

די ערשטע גורל פעקעדזש אנטהאלט א הערליכע שטריימל, נתנדב דורך די בארימטע קרויס שטריימלעך; א באקוועמע קאוטש, נתנדב דורך סאנדער'ס פוירניטשער; און א 50% דיסקאונט אויף א חתן פעקעדזש ביי דזשי בי קלאודינג. די צווייטע גורל וועט זיין אויף א אויסגעצאלטע נסיעה קיין ארץ ישראל אינאיינעם מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א דעם קומענדיגן שב"ק פ' משפטים שקלים הבעל"ט. די דריטע גורל פעקעדזש אנטהאלט א ליסטע פון אלע קהל'ישע בענעפיטן א שטייגער ווי מצות אויף פסח, זיץ אין ביהמ"ד הגדול, קרעדיט אין בוטשער, קרעדיט שכ"ל/קעמפ, און נאך; און ביים ענדע פונעם קאמפיין וועט פארקומען דער גרויסער גורל אין ווערד פון $10,000.

אין די קומענדיגע וואכן וועט די הנהלת הקהלה, די געטרייע שמשים פון קהילתינו הק', דער גזבר הקהלה, אויפנעמען די באשטייערונג פון די טויזנטער מעמבערס, און דערמיט צוהעלפן צום סוקסעס פון די יערליכע דיוס-מעמבערשיפ קאסירונג.

אין די טעג קומט אן אויף די פאסט די מעמבערשיפ סטעיטמענטס פאר אלע חברי הקהלה מיט א דעטאלירטן חשבון פון דעם יערליכן דיוס התחייבות ווי אויך אויב מען פארמאגט א ריקשטאנד פון א אומ-אויסגעצאלטן באלאנס פון זיצן, מעות חטין, וכדו'.

די אלע וואס וועלן אויסצאלן זייער מעמבערשיפ התחייבות לשנת תשע"ב, וועלן בעז"ה ערהאלטן דעם נייעם "מעמבערשיפ קארטל" לשנת תשע"ב וואס דערמיט איז מען אויטאמאטיש בארעכטיגט צו די בענעפיטן וואס די אויסגעצאלטע מעמבערס געניסן א גאנץ יאר, אריינגערעכנט א 10% הנחה אין אונזערע פלייש געשעפטן און נאך.

עס פארשטייט יעדער איינער אז ווי וויכטיג עס איז דער כח הרבים פון די קהלה, און ווי שטארק נויטיג עס איז פאר יעדן יחיד אז די קהלה זאל אנגיין, קען דאס אלעס נישט אהערגעשטעלט ווערן נאר מיט "געלט". עס קאסט אפ ריזיגע געלטער צוצושטעלן אזא פארצווייגטער אפאראט פון קהלתינו הק' מיט אלע אירע אפטיילונגען, פאר דעםברייטן ציבור צו קענען אנגיין מיטן חיי התורה והמצוות מדי יום ביומו. יעדע ריר קאסט אפ ממון ודמים, וואס ליגט אן עול אויף די חברי הנהלת הקהלה דאס אהערצושטעלן.

אויסער די בתי מדרשים פון קהלתינו הק' האט די הנהלת הקהלה פארשידענע אנדערע ריזיגע הוצאות, ווי פאר: אפיס ווירטשאפט; רענט; שכירות פאר רבנים,

(פארזעצונג אויף זייט 23)




אין די טעג גרייטן מיר זיך ארויסצושיקן פאר די חברי קהלתינו הק' דעם יערליכער "דיוס" וואס ווערט איינקאסירט, וועלכע איז דער פינאנציעלער יסוד ובסיס פארן גרויסן בודזשעט אין וואס אנפירן אזא פארצווייגטע קהלה ציעט אריין, און דורך וועלכע אנ"ש האלטן אן דעם קשר אלס "חבר הקהלה" מיט'ן אויסצאלן זייער חלק שותפות אין דעם גרויסן נעץ פון תורה, עבודה וגמ"ח.

עס איז ווארשיינליך גענצליך איבעריג ארויסצוברענגען דאס וויכטיגקייט פון האבן א שייכות און קשר צו א קהלה, נאכדעם וואס דאס זיין אנגעשלאסן אין א קהלה איז א תורה'דיגער און מענטשליכער פליכט ווי מען קען זיך דאס איבערצייגן אויפן טריט און שריט אין טאג-טעגליכן לעבן. דאס איז אין אלגעמיין א קהלה, אבער ביתר שאת ועוז איז דאס איז ביי קהלתינו הק' וועלכע איז נתייסד געווארן דורך גאון עוזינו מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע די ערשטע זאך בשנת תש"ח אנקומענדיג על אדמת אמעריקע; און איז אזויפיל יאר געפירט געווארן בגאון ועוז דורך מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע און ווערט היינט ווייטער געפירט לשם ולתפארת דורך כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וואס דאס אלעס שטעלט אהער פאר די חברי קהלתינו הק' די זעלטענע געהויבענע געלעגנהייט צו זיין א חבר אין אזא הייליגע און געהויבענע קהלה.

דבר בעתו מה טוב, שטייענדיג נאך דעם לעכטיגן יו"ט חנוכה ווען כלל ישראל האט געלויבט השי"ת שעשה נסים לאבותינו "בימים ההם", ווען די ערליכע אידן האבן זיך פאראייניגט אונטער די כהנים הקדושים וועלכע האבן אויסגעשריגן דעם מי לה' אלי, איז טאקע די פאסיגסטע צייט אז דער כח זאל נמשך ווערן "בזמן הזה" ווען עס בלאזן ליידער אזויפיל פרעמדע ווינטן און די אלגעמיינע גאס, און די איינציגסטע כח וואס קען אונז דערהאלטן, איז דאס אנשליסן און פאראייניגן אונטערן שוץ פון די קהלה קדושה בישראל תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וואס מיט דעם כח הרבים און מיט דעם זכות פון דעם מייסד הקהלה רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע וועלן מיר קענען אנהאלטן דעם חומה בצורה למען ה' ולתורתו הק'.

געלויבט השי"ת די קהלה וואקסט און בליהט לשם ולתפארת אין אלע הינזיכטן, און עס פארשטייט יעדער איינער אז אויפצוהאלטן אזא קהלה נאה מיט אירע אקטיוויטעטן ציעט אריין אין געוואלדיגע גרויסע סכומים, און דערפאר איז א פליכט אויף אלע חברי הקהלה קעגן צו קומען די הנהלת הקהלה וועלכע ארבעטן א גאנץ יאר צו פינאנצירן און דעקן די אלע קהל'ישע אקטיוויטעטן. און יעדער יחיד דארף נעמען א חלק כחלק אין אויפהאלטן די קהלה, דער באשטימטער סכום הקצוב פון די דיוס-מעמבערשיפ זאל באצאלט ווערן אין צייט, כדי שלא יבוטל התמיד, אז דער כח הרבים זאל קענען אנגיין אומגעשטערט בכל עת ועידן.

היי יאר זענען מיר צופרידן פארצושטעלן פאר אייך דעם ספעציעלן אויסגאבע "די הייליגע סאטמארער קהילה", ווי איר וועט האבן די מעגליכקייט זיך צו באקענען פון דער נאנט מיט די פילצאליגע אקטיוויטעטן וואס קהילתינו הק' איז פארוויקלט במשך דעם יאר זייענדיג דער "חומה בצורה לחיזוק היהדות לנו ולדורותינו" אונטער וואס אלע חברי הקהילה שיצן זיך תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, ווי אויך האבן מיר בייגעלייגט אינטערסאנטע ארטיקלען וואו איר וועט זיך באקענען מיט באלערנדע היסטאריע פון קהלות קדושות בישראל בכלל און פון קהילתינו הקדושה בפרט, און מיר האפן אז עס וועט זיין א תועלת פאר יעדן איינעם, וחפץ ה' בידינו יצליח צו קענען מיט פאראייניגטע כוחות אנגיין ווייטער להגדיל תורה ולהאדירה.

הנהלת הקהלה

# קול תורה הילכט אפ בבית מדרשינו הגדול מיט פרישע צענדליגע חברותות פאַר לימוד התורה נאך גרויסארטיגן "הרשמה לחברותא" קאָמפיין

## ציבור באגריסט אויפנאמע פון נייעם ענערגישן עסקן לעניני חברותות האברך החשוב ר' שלמה צבי עקשטיין הי"ו

מיט גרויס צופרידנהייט האט דער ציבור אויפגענומען דעם התמנות פון דעם פרישן ענערגישן עסקן לעניני חברותות ולמען קביעות עתים לתורה אינערהאלב קהילתינו הק', האברך החשוב ר' שלמה צבי ברמ"י עקשטיין הי"ו, א לאנג יעריגער עסקן לכל דבר שבקדושה בתוככי קהילתינו הק', וועלכער איז אויפגענומען געווארן דורך די הנהלת התאחדות אברכים צוצושטעלן חברותות לכל דורש ומבקש, אין בית המדרש הגדול.

דער ביהמ"ד הגדול וואס איז שוין היינט צו טאגס ברייט באקאנט אלס דער מקום בה"א הידועה וואו אידן איבער די גאנצע שטאט קומען במשך דעם טאג און זענען זיך קובע עתים לתורה ועבודה, דער ביהמ"ד וועלכער איז פתוח לרוחה במשך רוב שעות פונעם מעת לעת ווערט צוגעשטעלט מיט הייצונג און קילינג לויטן געברויך און מיט אלע אנדערע באקוועמליכקייטן לתועלת הלומדים.

דעריבער איז מיט פרייד אויפגענומען געווארן דאס התמנות פונעם פרישן עסקן וואס וועט זיכער פיל צוגעבן צום כח התורה אין בית המדרש הגדול, אינאיינעם מיט דעם התמנות איז דורכגעפירט געווארן א ספעציעלער "הרשמה לחברותא" קאמפיין דעם פארגאנגענעם פ' וישב אין די צייט ווען די טויזענטער חברי קהילתינו

(פארזעצונג אויף זייט 23)

# באזונדערע עסקנים אין אלע בתי מדרשים העלפן צו להגדיל תורה ולהאדירה מיט ספעציעלע געטריישאפט

ווי באקאנט האט קהילתינו הק' זיך פארברייטערט אין די לעצטערע יארן מיט מערערע בתי מדרשים איבער די שטאט וואו מען איז זיך אויך קובע ללימוד התורה איבער די וואך, וואס דאס האט שטארק אויפגעהויבן דעם כח התורה ווען אידן קענען זיך ארויסכאפן פון שטוב צו דעם דערנעבנדיגן ביהמ"ד און לערנען א בלאט גמרא מיט הרחבת הדעת, וואס כידוע איז געווען דעת קדשו פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע אז יעדער איינער זאל זיך קובע זיין צו לערנען זיינע שיעורי תורה דייקא אין בתי מדרשים דקהילתינו הק'.

איינע פון די גרויסע פעולות האט זיך ארויסגעשטעלט דאס מסדר זיין באזונדערע עסקנים אין די אלע בתי מדרשים פון קהלתינו הק' בתוככי עיר וויליאמסבורג יצ"ו, ספעציעל געאייגנט אז די מתפללים פון ביהמ"ד זאלן האבן אן אוזן קשבת ווער עס זארגט זיך פאר זיי אין אלע ענינים וואס אנבאלאנגט צו שיעורים און חברותות, אז יעדער יחיד מאנשי שלומינו זאל זיין מסודר מיט שיעורי תורה ערב ובוקר.

די דאזיגע עסקנים פאר קביעת עתים לתורה שטעלן אהער א מייסטערהאפטע ארבעט, יעדע פון זיי האט במשך דעם לעצטן יאר שוין אויפגעטוהן גדולות ונצורות, סיי מיטן מסדר זיין שיעורים ברבים און צוהעלפן דעם כלליות'דיגן כח התורה אין די בתי מדרשים, און סיי מיטן צוזאמשטעלן צענדליגער חברורות צווישן בני תורה און בעלי בתים וואס זענען עוסק על המחיה ועל הכלכלה.

דאס איז געזאגט געווארן אויף אלע בתי מדרשים פון קהילתינו הק' וואו מען דאווענט בימות החול, ווי ביהמ"ד ברך משה אויף סקילמאן סטריט, וואו עס איז נתמנה געווארן האברך החשוב ר' יואל בר"ב שטיין הי"ו; ביהמ"ד ישמח משה דסאטמאר אויף ראטלידזש סטריט, וואו עס איז נתמנה געווארן האברך החשוב ר' אברהם שווארץ הי"ו; ביהמ"ד דקהילתינו הק' אויף סאוט 8, וואו עס זענען נתמנה געווארן העסקנים ר' יואל פרנס הי"ו און מו"ה יואל וואלף שווארץ הי"ו; ביהמ"ד דברי יואל אויף העריסאן עוו., וואו עס איז נתמנה געווארן האברך החשוב ר' שרגא יצחק ווייס הי"ו, ביהמ"ד "איחוד התלמידים" אויף וואלאבאוט סט., וואו עס איז נתמנה געווארן האברך החשוב ר' יעקב שטערן הי"ו גבאי הביהמ"ד.

(פארזעצונג אויף זייט 23)

ובהם נהגה יומם ולילה

# בית המדרש הגדול ווירבלט מיט שיעורי תורה במשך דעם גאנצן טאג

## שיעורי תורה איינגעשטעלט אויף פארטאגס, פארמיטאג, נאכמיטאג און ביינאכט

דער והגית בו יומם ולילה ווערט פארווירקליכט אין טיפן זין פוןווארט ווען מ'שפאצירט אריין אין בית מדרש הגדול דקהילתינו הק' סיי וועלכע צייט פונעם טאג, דאס הארץ קוועלט צו זען ווי עס שפרודלען די שיעורים ברבים מיט די באטייליגונג פון צענדליגער בעלי בתים ואברכים וואס זענען זיך קובע עתים לתורה במשך די שעות פונעם טאג.

די בית המדרש הגדול מיט אירע שטיבלעך ארום און ארום ווערן שטענדיג גערוימט, געהייצט און געקילט, און די ספרים ווערן טעגליך געפאקט, כדי צו ערמעגליכן דעם וויכטיגן הרחבת הדעת פאר די חשוב'ע לומדים שיחיו. אין צוגאב צו דעם פאקט אז די טויזענטער ספרי קודש אוצר מרדכי חיים וואס נעמען ארום דעם היכל תהלות יהוסף זענען א געוואלדיגע בענעפיט פאר די חשוב'ע לומדים וואס קענען שטענדיג טרעפן סיי וועלכע ספר מען נויטיגט זיך.

אנגעהויבן פון 5:45 פארטאגס ווען עס קומט פאר דער טעגליכער שיעור אין חק לישראל דורך הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א, און דערנאך אום 6:00 קומט פאר דער טעגליכער שיעור בהלכות שבת דורך הרה"ג ר' משה ראזענפעלד שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק', אום 6:15 הויבט זיך אן דער שיעור יסודי התורה דורך הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א, און א צווייטע שיעור אין יסודי התורה ווערט פארגעלערנט דורך הרה"ג ר' דוד שלמה לאוב שליט"א אום 6:40.

די אלע דערמאנטע פארטאגס שיעורים פארמאגן ב"ה א שיינע צאל משתתפים, און דער ציבור מקשיבי השיעורים זענען גאר שטארק נהנה פון די שיעורים וואס ווערן פארגעלערנט דורך די מגידי השיעורים. און דאס איז אויסער די פילצאליגע חברותות וועלכע לערנען אין דעם היכל תהלות יהוסף מיט א קביעות.

ווי נאר עס ענדיגן זיך די מניני שחרית הויבט זיך שוין אן דער פארמיטאג שיעור דורך הרה"ח ר' חיים אליעזר גראס הי"ו, ווי עס באטייליגן זיך א הערליכער צאל פון בעלי בתים חשובים, וואו מען לערנט צום ערשט תנ"ך און משניות און דערנאך דעם שיעור השבוע אין ראם פון חבורת יסודי התורה, דער שיעור האלט אן ביז 2:00 און דערנאך דאווענט מען מנחה.

(פארזעצונג אויף זייט 23)



הונדערטער אידן זענען זיך מחי' טעגליך מן הבוקר ועד הערב ביים לערנען מיט הרחבת הדעת אין דעם לעכטיגן היכל תהלות יהוסף שע"י בית מדרשינו הגדול וואס איז צוגעשטעלט מיט אלע באקוועמליכקייטן לתועלת הלומדים

ראשו"ן הוא למקראי קודש

# סעריע פון וועכנטליכע "זונטאג שיעורים" אין בית המדרש הגדול ברענגט צונויף פילצאליגע מקשיבים און משתתפים

די הערליכע "זונטאג שיעורים" אין בית המדרש הגדול האט באקומען א געוואלדיגן פאזיטיוון אפקלאנג פון א הצלחה למעלה מן המשוער, ווען עס קומען זיך צוזאם א גרויסע צאל בעלי בתים חשובים וועלכע זענען פריי פון די ארבעט אין די זונטאגס, און געניסן פון די הערליכע קייט פון שיעורים און דרשות.

פילע אידן וואס זענען במשך די וואך טרוד על המחי' ועל הכלכלה נוצן אויס די געלעגנהייט פון די זונטאגס ווען מען איז פריי פון די ארבעט, קובע צו זיין עתים לתורה. די וועכנטליכע זונטאג שיעורים זענען בלויז א צוגאב צו דעם רייכן נעץ פון שיעורי תורה וואס קומען פאר טעגליך אין בית המדרש הגדול במשך די וואך פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט.

דער ביהמ"ד הגדול וועלכע איז צוגעשטעלט מיט אלע באקוועמליכקייטן פאר די חשוב'ע לומדים איז דער פאסיגסטער פלאץ וואו א בעה"ב איז זיך קובע עתים לתורה אין די פרייע צייטן, וויסנדיג אז דארט קען ער לערנען מיט אן הרחבת הדעת אומגעשטערט.

אנגעהויבן פון 11:45 פארמיטאג קומט פאר דער זונטאג שיעור דורך הרה"ג ר' יצחק ביסטריצקי שליט"א מו"ץ בית תלמוד להוראה ב.פ. א הערליכער שיעור אין הל' שבת וועלכע ווערט פארגעלערנט

(פארזעצונג אויף זייט 23)

# נייע סדר המנינים אויף מנחה איינגעשטעלט אין בית המדרש הגדול

יעדע צען מינוט א פרישער מנין

אין די לעצטערע וואכן איז איינגעשטעלט געווארן לטובת הציבור א נייעם סדר פאר די מניני מנחה אין ביהמ"ד הגדול, א זאך וואס האט ארויסגערופן א שטארקע צופרידנהייט ביים ברייטן ציבור אין בית מדרשינו הגדול.

א סדר ביי די מניני מנחה פארמאגט א געוויסע אייגנארטיגקייט אנדערש פון די מניני שחרית וועלכע גייען אן רעגלמעסיג מיט א סדר וואס אלעס קלאפט אויפ'ן זייגער, צוליב וואס די זמנים פון מנחה טוישן זיך כסדר, און דאס ברענגט אז פילע מענטשן האבן נישט קיין זמן קבוע ווען זיי דאווענען מנחה, און דאס ברענגט א שטארקע אום-ארדענונג ביי די מנינים.

צומאל קענען זיך שטעלן עטליכע מנינים אין די זעלבע צייט, וואס דאס ברענגט אז אויב עמיצער איז פונקט אריינגעקומען אינדערמיט, קען ערווארטן א לענגערע צייט ביז'ן זיך קענען שטעלן דאווענען מיט א פרישע מנין וואס הייבט אן פון אנהויב.

ביי פילע מענטשן איז זייער וויכטיג צו האבן א גרעסערן אויסוואל פון מניני מנחה בפרט אין די ווינטער וואכן ווען מען איז נאך טרוד מיט די געשעפטן אין די צייט פון מנחה און מען דארף זיך אוועקרייסן פון די ארבעט צו לויפן דאווענען מנחה.


Cong. Yetev Lev D'Satmar

קהל יטב לב ד'סאטמאר

163 Rodney Street • Brooklyn NY 11211 • Tel: 718-302-6720 x 207 • Fax: 718-865-0964

סדר המנינים

לתפילת מנחה

| | אשרי | קרבנות |
|---|---|---|
| הדר בית רייזל | 2:05 | 2:00 |
| הדר בית רייזל | 2:50 | 2:45 |
| ביהמ"ד הגדול - היכל הכולל | 3:15 | 3:10 |
| הדר בית רייזל | 4:10 | 4:05 |

ואח"כ

משעה 4:20 - עד צאה"כ

יעדע 10 מינוט

הנהלת הקהלה

אין ליכט פון דעם איז אויסגעארבייט געווארן א ספעציעלער סדר פון מניני מנחה פאר יעדע צען מינוט, און מטעם הנהלת הקהלה איז ממונה געווארן א ספעציעלער גבאי מו"ה חיים בערנאטה הי"ו, אויפצונעמען דעם ציבור בסבר פנים יפות און געבן אנווייזונגען פאר'ן ציבור וואו זיך צו שטעלן דאווענען, ר' חיים איז עומד על המשמר און זעט אז אלע מנינים זאלן קלאפן על צד היותר טוב אז די מנינים זאלן זיך שטעלן צייטליך, אויפ'ן ריכטיגן פלאץ, וואס דאס איז א טובה פאר יעדן איינעם. און ב"ה מען זעט דערין א געוואלדיגע הצלחה זינט דער סיסטעם איז איינגעשטעלט געווארן.

די הנהלת הקהלה האט אויך מסדר געווען אז אלע חיובים וועלכע זענען בשנת האבל און זיי ווילן האבן א קביעות'דיגן מנין וואו צו דאווענען פאר'ן עמוד, קענען זיך מעלדן צו ר' חיים בערנאטה הי"ו און ער וועט בעז"ה אלעס פרובירן צו מסדר זיין על צד היותר טוב.

לעולם יהא אדם זהיר בתפלת המנחה.

# פילע באטייליגטע ביי באריכטן וועכנטליכן מוצאי שבת שיעור אין בית המדרש הגדול

באזונדערע שיעורי מוצאי שבת אין בתי מדרשים דקהילתינו הק' איבער די שטאט

גאר גוטע גריסן הערט זיך צוריק פון די וועכנטליכע מוצאי שבת שיעורים וואס קומען פאר דורכאויס די ווינטער חדשים יעדן מוצאי שבת בבית מדרשינו הגדול, וואו עס באטייליגן זיך א שיינער ציבור יונגעלייט און בעלי בתים וועלכע נוצן אויס די לאנגע ווינטערדיגע מוצאי שבתים קונה צו זיין וויכטיגע הלכות אויפ'ן טאג טעגליכן לעבן.

שוין אסאך יארן וואס עס איז איינגעפירט געווארן אז יעדעס יאר במשך די ווינטער חדשים ווערט פארגעלערנט מוצאי שבת די גאר וויכטיגע הלכות אין שו"ע יו"ד ח"ב דורך די חשוב'ע מורי צדק דקהילתינו הק', וואס די שיעורים זענען א געוואלדיגע תועלת פאר די פילצאליגע משתתפים וואס שליסן זיך אן דערין.

היי יאר ווערט דער שיעור פארגעלערנט דורך הרה"ג ר' דוד הירש שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק' וועלכער איז באקאנט מיט זיינע הערליכע שיעורים וואס ווערן פארגעלערנט מיט א געוואלדיגע קלארקייט און בקיאות אז די משתתפים זאלן ארויסקומען קלאר אין די אלע הלכות.

דער שיעור ווערט פארגעלערנט מיט א מתינות בעיון רב, וואו עס ווערט נתברר יעדע הלכה על בורי', אבער אין די זעלבע צייט לייגט דער דיין שליט"א א גרויס געוויכט צו ווידמען די צייט ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים, צו לערנען פסקי הלכות וואס זענען נוגע למעשה און ארייננכאפן וואס מער ס'איז שייך.

ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן, היי יאר האט דער מוצאי שבת שיעור פון בית המדרש הגדול זיך פארברייטערט און איז איינגעשטעלט געווארן אויך אין די אנדערע בתי מדרשים דקהילתינו הק', וואו עס ווערן פארגעלערנט שיורין תמידין כסדרן דורך די חשוב'ע מורי צדק דקהילתינו הק' וואו דער ציבור האט די געלעגנהייט מיטצוהאלטן די הלכה שיעורים אין פארשידענע מקצועות לדעת את המעשה אשר יעשון.

אין ביהמ"ד "ברך משה" אויף סקילמאן סטריט קומט פאר וועכנטליך דער שיעור אין יו"ד ח"ב דורך הרה"ג ר' הערש לייב בערנשטיין שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק' וואו עס באטייליגן זיך א הערליכע ציבור יונגעלייט תושבים פון "ניי-וויליאמסבורג" וועלכע געניסן פון דעם געשמאקן שיעור.

א באזונדערע שיעור קומט פאר יעדן מוצ"ש אין ביהמ"ד "ישמח משה" דקהילתינו הק' דורך הרה"ג ר' בנציון לאוב שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק' אין או"ח ח"א על סדר השו"ע וואו די משתתפי השיעור האבן די געלעגנהייט דורכצולערנען פילע אקטועלע ענינים להלכה ולמעשה וואס דער ציבור שלינגט מיט דארשט ביים הערליכן שיעור.

די אלע שיעורים זענען אן אמת'ער תענוג רוחני וואס דערקוויקט די מקשיבים וועלכע זיצן באצויבערט ביים אויסהערן די וויכטיגע הלכות וואס ווערן פארגעלערנט בטוב טעם ודעת דורך די חשוב'ע מגידי שיעור שליט"א.

# ביתו נאוה קודש פון רבינו שליט"א אין וויליאמסבורג גענצליך רענאווירט

אין דעם פארגאנגענעם יאר איז דורכגעפירט געווארן א ברייטע רענאוואציע בביתו נאוה קודש פון רבינו שליט"א אין וויליאמסבורג צו קענען אקאמאדירן דעם פלייץ פון אנ"ש וועלכע קומען זיך גזעגענען בפו"פ יעדן דינסטאג נאכט ביים רבי'ן אין שטוב.

די פארברייטערונג האט זיך וויכטיג אויסגעפעלט צוליב וואס דער פריערדיגער אויסשטעל איז געווען שטארק גענגט, און עס האט זיך אויסגעפעלט צו פארברייטערן ובפרט צו קענען אהערשטעלן א געהעריגן מקום מיוחד פאר די נשים לתועלת אנ"ש וואס קומען מיט די משפחות להתברך בכל מילי דמיטב.

די הנהלת הקהילה האט זיך ארייגעלייגט איבערצובויען די דירה לשם ולתפארת לתועלת הציבור, ובמיוחד דארף מען באדאנקען האברך החשוב ר' ראובן גלאנץ הי"ו וואס איז געשטאנען בראש פון דעם פראיעקט לנצח על מלאכת בית ה' צו צוזושטעלן א דבר נאה ומתוקן, ישלם ה' פעלו הטוב.






Cong. Yetev Lev D'Satmar

קהל יטב לב ד'סאטמאר

163 Rodney Street • Brooklyn NY 11211 • Tel. (718) 302-6720 • Fax (718) 486-2473

זמן כניסה

אצל

כ"ק מרן רבינו שליט"א

בכל יום ג'

משעה 8:00 עד 11:00

בביתו נאוה קודש

152 Hewes St.

אלמלי משמרין ישראל שתי שבתות

# לעכטיגע שבתים בצל קדשו פון רבינו שליט"א אין וויליאמסבורג ברענגט אריין חיות דקדושה אין אנשי שלומינו

**לעכטיגע שבתים פון יו"ט כ"א כסליו און שבת חנוכה ברענגט צוזאם אלפי אנשי שלומינו תחת קורת גג אחד אין ביהמ"ד הגדול ביי די הייליגע טישן און פייערדיגע דברות קודש**

נאכדעם וואס אנשי שלומינו האבן די זכי' מיטצוהאלטן די געהויבענע ימים טובים אום חודש תשרי בצל קדשו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אין וויליאמסבורג, ווערט דאס ווייטער נמשך איבער דעם ווינטער ווען אנשי שלומינו תושבי וויליאמסבורג געניסן ווייטער פון די צוויי געהויבענע שבתים אינמיטן ווינטער בצלא דמהימנותא פון כ"ק מרן רבינו שליט"א וואס ווערט געפראוועט אין בית המדרש הגדול, וואס דאס טוט ארייגבלאזן א חיות דקדושה אין אלע אנ"ש איבער די שטאט וועלכע קומען זיך צוזאם צו שעפן תורה ויראת שמים מבאר מים חיים.

שוין עטליכע יאר וואס עס איז איינגעפירט געווארן אז רבינו שליט"א געפינט זיך אין וויליאמסבורג במשך די צוויי געהויבענע וואכן פון שבח והודי', דאס הייבט זיך אן מיט דעם שבת בעפאר'ן יו"ט כ"א כסליו, וואס דער רבי שליט"א ווילט אין די שטאט אויף שבת קודש און פראוועט די געהויבענע תפלות און טישן בקרב אנשי שלומינו, (היי יאר ספעציעל האבן אנשי שלומינו געהאט די זכי' מיטצוהאלטן דעם געהויבענעם מצוה טאנץ לרגל די שמחת בית צדיקים בנישואי נכדת רביה"ק בעל ברך משה בת הרב סיני ט"ב שליט"א בן הרה"צ רב דקהילתינו 15'טע עוו. שליט"א עב"ג החתן הרב אורי נ"י בן הרב בנש"ק ר' נפתלי הורוויץ שליט"א פון לאנדאן וואס איז געפראוועט געווארן אין דעם שבת). נאכפאלגנדיג מיט דעם גרויסן כינוס כללי פאר אלע אנשי שלומינו אינאיינעם מיט'ן יערליכן דינער לטובת מוסדותינו הקדושים אין וויליאמסבורג, ווען רבבות אלפי ישראל געבן אפ א שבח והודי' פאר'ן רבוש"ע על כל החסד אשר עשה עמנו מיט די הצלה פון רביה"ק בעל דבר"י זצוקללה"ה וואס האט אפגעראטעוועט דעם דור העתיד.

דערנאך ווערט דאס ווייטער נמשך מיט די הדלקת נירות חנוכה ווען רבינו שליט"א קומט אריין קיין וויליאמסבורג דאנערשטאג נאכט חנוכה, וואו דער רבי

(פארזעצונג אויף זייט 23)

ובאו כולם בברית יחד

# אומפארגעסליכער מעמד הכנסת ספר תורה לע"נ רביה"ק בעל ברך משה זי"ע לאזט איבער געוואלדיגן רושם אויף טויזענטער חברי קהילתינו הק'

ווי א פאסיגע התחלה צום לאנגן ווינטער וואס די פריערדיגע צדיקים האבן אנגערופן "די הייליגע ווינטער נעכט" וואס זענען מוקדש פאר התמדת התורה, האבן טויזענטער חברי קהילתינו הק' זקנים עם נערים זיך מיטגעפרייט אינאיינעם ביי די שמחה של מצוה פון חינוך ספר תורה החדש וואס איז געשריבן געווארן בשותפות דורך חברי קהילתינו הק' לע"נ מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, און איז אריינגעגעבן געווארן אין בית מדרשינו הגדול אין וויליאמסבורג פארגאנגענעם מוצש"ק פ' תולדות העעל"ט.

דער געהויבענער מעמד במקהלות רבבות בית ישראל איז געווען ווי א צווייטער יו"ט שמחת תורה ווען אנשי שלומינו פון איבער די גאנצע שטאט האבן געטאנצן אינאיינעם זיך פרייענדיג בשמחת התורה און מעלה געווען זכרונו הבהיר פון איתן אדונינו מורינו ורבינו הק' בעל ברך משה זצוקללה"ה וואס די ספר תורה איז געשריבן געווארן לעילוי נשמתו, איבערלאזנדיג א טיפן איינדרוק אויפ'ן גאנצן ציבור פון דעם מעמד מרוגש וואס וועט געדענקט ווערן אויף לאנגע יארן.

די נייע ספר תורה איז געשריבן געווארן אויפ'ן איניציאטיוו פון הגה"צ אבדק"ק ור"מ שליט"א, וועלכער האט ממנה געווען א ועד בעלי בתים וועלכע זאלן זיך אפגעבן מיט דעם כתיבת ספר תורה, די חברי הועד זענען הרה"ח ר' דוד שמעון פראמאוויטש הי"ו גבאי ביהמ"ד הגדול און הרה"ח ר' משה יודא גאלדבערגער הי"ו וועלכע זענען נאך נתמנה געווארן דורך מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע מיט אריבער 30 יאר צוריק בשנת תש"מ אלס ועד כתיבת ס"ת וועלכע איז געשריבן געווארן דורך התאחדות אברכים לע"נ מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, און אצינד האבן זיי ווידעראמאל גענומען אויף זיך דעם עבודת הקודש צו שטיין אין שפיץ פון דעם אונטערנעמונג במשך די גאנצע צייט.

עס איז אוממעגליך צו שילדערן דאס ווארימקייט וואס האט ארומגענומען דעם גאנצן ציבור אנשי שלומינו צו דעם געהויבענעם געשעעניש, זייענדיג אזוי דבוק און מקושר אין מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע וואס איז געווען פאר אונז אלע ווי א טאטע און א רבי וואס האט אזויפיל יארן משפיע געווען תורה ויראת שמים און ישועות ורפואות פאר'ן גאנצן ציבור, ביז צו זיין הסתלקות אום כ"ו ניסן בשנת תשס"ו לפ"ק.

דאס האט זיך ספעציעל ארויסגעוויזן ווען דער ציבור האט געשטראמט אין די מאסן זיך צו באטייליגן בגוף ובממון ביי די מעמדי כתיבת האותיות אין שטוב פון הגה"צ אבדק"ק ור"מ שליט"א און אין די נאכפאלגענדע געלעגנהייטן פון כתיבת האותיות בביתם פון נדיבים ועסקנים.

די הנהלת הקהלה זענען געווען גאר אינסטרומענטאל אהערצושטעלן דעם מעמד לכבודה של תורה ברוב פאר וכבוד צום צופרידנהייט פון אלע אנ"ש פון איבער די גאנצע שטאט, במשך די וואכן בעפאר דעם מעמד איז אנגעגאנגען העפטיגע מיטינגען אין אפיס פון קהל וואו מען האט אויסגעארבעט אלע פלענער פון דעם גרויסארטיגן מעמד. און אזוי אויך בשעת דעם מעמד וואס איז געווען א זמן קהילה לכל אנשי שלומינו שיחיו.

תיכף ביים זמן מוצ"ש האט מען אנגעהויבן אין איילעניש צוצוגרייטן דעם היכל ביהמ"ד הגדול צום מעמד, די חשוב'ע משמשים דקהילתינו זענען געשטאנען על המשמר אויף די צענדליגער גוים וועלכע האבן געארבעט פלייסיג אהערצושטעלן דעם ביהמ"ד כדי צו קענען אקאמאדירן דעם ריזן ציבור בליעה"ר, די טישן פון ביהמ"ד זענען שוין ארויסגענומען געווארן נאך בעפאר שבת, און במשך דעם שב"ק האט מען נאר גענוצט די בענק. אזוי אויך האט מען געדאווענט מנחה און שלש סעודות קעגנאיבער אין "בנין חי"ל הילמאן", כדי מ'זאל קענען גלייך ביים זמן

(פארזעצונג אויף זייט 24)


היכל הבימ"ד אנגעגרייט פאר שולחן הטהור

## הכנסת ספר תורה


דער ציבור איז זיך משמח בשמחת התורה ביים מעמד הכנסת ספר תורה


דער גאס פון דעם ביהמ"ד הגדול אויסגעצירט לכ' דעם מעמד הכנסת ס"ת



# פארענדיגט בוי ארבעט פון נאך א חלק פונעם גדר ארום דעם שטח החדש אין דעם ביה"ח דקהילתינו הק'

גדר פארענדיגט אונטערן אוהל הקדוש פון רבותינו הקדושים זי"ע – נייער ראוד געפלאנט פאר משפחות הכהנים צוצוקומען צום נייעם חלק אין ביה"ח – חברה קדישא ווייטער טעטיג לשמירת בתי חיים דקהילתינו הק' אין ניו דזשוירסי, לאנג איילענד און בעיר האבות אוהעל

ווי באקאנט טוט קהלתינו הק' פארפיגן אויפן ביה"ח אין קרית יואל, וואו עס איז מקום מנוחת קדשם פון מרנן רבוה"ק בעל דברי יואל ובעל ברך משה זי"ע, ולידם הרבנים הגאונים וצדיקים זכר כולם לברכה וועלכע האבן אלע געהאט א חלק אינעם איבערפלאנצן ארגינעלער אידישקייט על אדמת אמעריקע, ועליהם חונים די פילע נעדרים מחברי קהלתינו, כולם אהובים וברורים מיט וועמען רביה"ק זי"ע האט מייסד געווען קהלתינו הק' ובראשם די פני וראשי קהלתינו הק'.

אין די פארגאנגענע יארן זעענדיג אז דער ביה"ח ווערט ליידער מער אנגעפולט, האט קהילתינו הק' מוסיף געווען אויפ'ן ביה"ח דורך מקדש זיין א פרישן גרויסן שטח זייט ביי זייט מיט'ן עקזיסטירנדן ביה"ח, על מנת שיבולע המות לנצח און מען זאל דאס קיינמאל נישט דארפן נוצן ח"ו.

אזוי ווי עס איז איינגעפירט בתפוצות ישראל אין אלע דורות מפני כבוד הנפטרים ושמירת בתי עלמין האט מען אויך געדארפט אויפשטעלן א גדר ארום דעם נייעם שטח אפצוהיטן דעם ביה"ח, אבער אזוי ווי די ארבעט אויפ'ן שטח איז נאך נישט געווען פארטיג, האט מען צום ערשט אינסטאלירט א געווענליכע צוים אויף צייטווייליג, און מיט א צייט שפעטער האט מען אנגעהויבן די ארבעט אויפצובויען א פראמענאנטן שטארקן שטיינערנעם צוים אז דער ביה"ח זאל זיין ארומגענומען מיט א ריכטיגע שמירה למען כבוד הנפטרים ע"ה.

א גרויסן טייל פון דעם גדר אבנים איז שוין אויפגעבויעט געווארן בעבר, אבער עס איז נאך געבליבן עטליכע ערטער וואו דער גדר איז נישט געווען פארענדיגט, ווי אויך איז געווען ערטער וואו דער צייטווייליגער גדר איז כסדר אויפגעבראכן געווארן, דעריבער האט די הנהלת הקהילה אין די לעצטערע חדשים אונטערגענומען א פראיעקט צו פארענדיגן אט די חלקים מיט א געהעריגן שטיינערנעם צוים, צווישן אנדערע האט מען פארענדיגט דעם גדר ארום דעם שטח צווישן די ישיבה הק' און דעם נייעם צוגעלייגטן חלק הונטערן אהל הק', און אזוי אויך אויף נאך עטליכע ערטער ארום דעם ביה"ח.

אין די זעלבע צייט גרייט מען זיך

(פארזעצונג אויף זייט 28)



אוהל הקדוש



גדר ארום דעם בית החיים, מערקט דעם נייעם גדר אונטערן אוהל הק'

# לעבנסוויכטיגע "חתונה תקנות" שע"י קהילתינו הק' זעצט פאָר איינצושפּאָרן מיליאנען אין אומנויטיגע הוצאות פאר בעלי שמחה

דער "ועד החתונה תקנות" שע"י קהילתינו הק' שטייט ווייטער על המשמר למלאות רצון קדשו פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א - אונטערנעמונג פון "כתר מלכות שטריימלער" ווערט שטארק באגריסט

אין די יעצטיגע טעג ווערט שוין אפגעצייכנט 4 יאר מיט סוקסעס זינט דער ועד החתונה תקנות שע"י קהילתינו הק' האבן בפקודת ובברכת קדשו פון רבי'ן שליט"א איינגעשטעלט די לעבנסוויכטיגע "חתונה תקנות" איינצוזימען די גרויסע הוצאות פון בעלי שמחה בעת שמחתם, און מיט'ן איבערשטנס הילף באוויזן אהערצושטעלן דאס כמעט אומגלויבליכע, וואס היינט צו טאג איז דאס שוין ב"ה נאכגעמאכט געווארן אין אלע גרעסערע חשובע קהילות איבער די וועלט.

גענוי מיט 4 יאר צוריק, אום כ"א כסליו תשס"ח, ביים גרויסן דינער לטובת מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג, האט כ"ק מרן רבינו שליט"א געמאלדן די בשורה טובה ומרנינה אז עס האט זיך געגרינדעט די "חתונה תקנות" ארגאניזאציע, און אז מ'גייט איינשטעלן לעבנס וויכטיגע תקנות צו ראטעווען דעם שווערן מצב פון אחבנ"י, און האט געבעטן און געפאָדערט פון אלע אנ"ש אז יעדער אָן אויסנאַם זאָל זיך צושטעלן צו זיי, און ביז א קורצע צייט יום א' פרשת בא תשס"ח ביים דינער לטובת די מתיבתא הק' אין קרית יואל האט די הנהלת הקהילה פראקלאמירט די "חתונה תקנות" פאר'ן גאנצן ציבור.

אין אמת'ן אריין, איז שוין פון פריער עטליכע מאל אויפגעברענגט געווארן דער געדאנק פון דורכפירן תקנות איינצוזימען די שרעקליך הויכע חתונה הוצאות וועלכע האבן געהאלטן אין איין וואַקסן אָן קיין

(פארזעצונג אויף זייט 28)

# גרויסן פארלאנג אויף די "מהודר'דיגע מצות" פון בית אופה דקהילתינו הק' אין וויליאמסבורג

**כ"ק מרן רבינו שליט"א באזוכט אין בעקעריי און דרוקט אויס קורת רוח פון די געוואלדיגע הידורים**

בנש"ק הרב אלי' הערשקאוויטש שליט"א מנהל בית האופה שטייט גרייט צו סערווירן דעם ציבור מיט אלע געברויכן אין די בעקעריי

– היי יעריגע מצות ווערן געבאַקן מתחלתה ועד סופה דורך מענער יראים ושלמים –

ליינענדיג די שורות אינמיטן א קאלטן טבת טאג, איז אבער ברענענדיג הייס ביי די מצה אויוועגעס פון דעם בית אופה דקהילתינו הק' אויף ראָטלידזש סטריט אין וויליאַמסבורג, ווען אנגעהויבן פון דעם פארגאנגענעם דינסטאג פ' תולדות העעל"ט האט מען שוין אנגעהויבן די הייליגע ארבעט פון מצות באקן לכבוד דעם לעכטיגן יו"ט פסח הבעל"ט.

צווישן די ווענט פון דעם מצה בעקעריי שפירט זיך שוין א ערב פסח'דיגע אַטמאָספערע, ווען מען ארבעט אן אויפהער צוצוגרייטן די צענדליגער טויזנטער פונט מצות מצוה כדי צו קענען נאָכקומען דעם גרויסן פאַרלאַנג פון אידן פון ניו יאָרק און פון אויסלאַנד וואָס זענען מהדר צו נוצן די מצות אויפ'ן יום טוב פסח.

די מצה בעקעריי שע"י קהילתינו הק' אין וויליאַמסבורג איז באַקאַנט אַלס א בית אופה מיוחדת במינה, א בעקעריי וואו די מצות וואָס ווערן דאָרט געבאַקן זענען אייגנאַרטיג, מיוחדים בטעמם ובהידורם וואָס טרעפט כמעט נישט ערגעץ-אַנדערש-וואו.

זייענדיג די מצות וואָס אידן זענען מהדר צו נוצן למצוה בליל הסדר און אַזוי אויך איבערן גאַנצן יום טוב פסח, ווערט א שטאַרקער דגוש געלייגט צו באַקן די מצות מיט אַלע הידורים און חומרות ווי עס ווערט אַלץ פאַרלאַנגט דורך כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א עפ"י דרכם פון מרנן רבוה"ק בעל דברי יואל ובעל ברך משה זי"ע וועלכע האָבן יאָר-נאָך-יאָר אַלץ מוסיף געווען פרישע הידורים וחומרות, לויט ווי עס איז פריש ערמעגליכט געוואָרן לויט די ניי-געשאַפענע אומשטענדן.

אויך דאָס יאָר האָט די הנהלת בית האופה אַריינגעלייגט שוין חדשים לאַנגע האָראָוואַניע, צו קענען נאָכקומען אַהערשטעלן אַלע הידורים וחומרות, ובפרט דעם גרויסן הידור פון באַקן די מצות דייקא מיט ווייץ פון "אַריזאָנא" אויף וואָס אידן מחמירים ומדקדקים זענען ספעציעל מחמיר ומהדר, זייענדיג א פלאַץ וואו עס קומט נישט צו קיין שום רעגן דורכאויס די גאַנצע צייט פון ווען דאָס ווייץ הייבט אָן געצייטיגט צו ווערן.

(פארזעצונג אויף זייט 25)

א פרישע רינגעלע אין די גאלדענע קייט...

# לעצטע צוגרייטונגען צום אויפבוי פון נייעם ביהמ"ד ומקוה דקהל יטב לב אויף וואלעבאוט סט.

הנהלת הביהמ"ד קלאוזט אויפ'ן שטח רחבת ידים פאר'ן ביהמ"ד החדש והמפואר; ענדגילטיגע בוי פלענער אין לעצטע פאזעס; התחלת העבודה אין נאנטן צוקונפט

א שטארקע שמחה דקדושה נעמט ארום אנ"ש איבער די שטאט ובפרט די תושבים פון דעם וואלעבאוט געגנט, הערנדיג די פריידיגע נייעס איבער די פרישע הרחבת גבולי הקדושה בקהילתינו הק', ווען אט גרייט מען זיך אנצוהייבן בעז"ה מיט די בוי ארבעט אויפצובויען דעם נייעם פראכטפולן בית המדרש המפואר דקהל יטב לב ד'סאטמאר אויף וואלעבאוט סטריט, וואס וועט אי"ה זיין א הערליך ווינקל פאר תורה ותפלה וטהרה פאר די איינוואוינער פון די אומגעגנט, ביז משיח'ס טאג במהרה.

דער געברויך פאר א נייער ביהמ"ד ומקוה אין די געגנט קומט נאכדעם וואס דער עקזיסטירענדער ביהמ"ד "איחוד התלמידים" אויף וואלעבאוט סט. - אונטער די הדרכה פונעם רב הביהמ"ד הגה"צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א, - איז שוין אויסגעוואקסן צוליב דעם וואוקס בליעה"ר פון אנשי שלומינו תושבים פון די אומגעגנט וועלכע באנוצן זיך מיט דעם נאבעלן מקום תורה ותפלה, ובפרט אין די שבתות וימים טובים.

שוין עטליכע יאר וואס די הנהלת הקהילה האט זיך ארייגעלייגט אין דעם ענין אז מען זאל קענען אויפבויען א נייעם פארגרעסערטן ביהמ"ד ומקוה וואס זאל שטיין צום געברויך פון אנשי שלומינו פון די געגנט שיחיו.

אין די פארגאנגענע חדשים האט זיך פארמירט א פרישע קאמיטע פון עסקנים חשובים ה"ה הנגידים החשובים מו"ה מנחם גרשון לעבאוויטש הי"ו, מו"ה אביגדור פרענקל הי"ו, מו"ה אברהם יצחק הכהן קאהן הי"ו, מו"ה אברהם בראך הי"ו, מו"ה יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו, מו"ה שלום יצחק יאקאבאוויטש הי"ו און מו"ה יצחק בר"ש שווארץ הי"ו, וועלכע האבן זיך ארייגעלייגט ראשם ורובם צו קענען קלאוזן אויפ'ן נייעם שטח און צו קענען צוטרעטן צו די בוי פלענער.

גלייכצייטיג איז דאן איינגעארדענט געווארן א רייכער באנקעט אין שטוב פון הרבני הנגיד מו"ה אברהם יצחק קאהן הי"ו חבר הנהלת הביהמ"ד וואו עס האבן זיך באטייליגט די תושבים און מתפללי הביהמ"ד וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן מיט שיינע סכומים אפצוקויפן זכותים אין דעם נייעם ביהמ"ד, די מסיבה איז פארגעקומען מיט די באטייליגונג פון כ"ק מרן רבינו שליט"א וועלכער האט גאר ווארעם אנגעוואונטשן פאר די חשוב'ע נדבנים שיחיו.

דער רבי שליט"א האט אויך גע'חתמ'ט אויף די שטרות פון די נדבנים וואס האבן זיך אונטערגענומען גרעסערע סכומים למען הקמת הביהמ"ד, און דערמיט האבן זיי זיך איינגעהאנדלט א שותפות'דיגן חלק אין שטעלן א פונדאמענט פאר תורה, עבודה, וגמילות חסדים, וואס וועט ארויסקומען מבין כותלי הביהמ"ד, לעד ולנצח!

אצינד קומען פאר די לעצטערע צוגרייטונגען מיט העפטיגע באראטונגען און מיטינגען צווישן די עסקנים פון דעם ועד קרן הבנין אנבאלאנגט אלע נויטיגע פרטים ארום דעם פראצעדור, צו קענען פארענדיגן די בוי פלענער און זיך באלד נעמען צו די פאקטישע ארבעט אויפצובויען וואס שנעלער דעם נייעם גרויסן בנין, אויף וואס אלע מתפללי ביהמ"ד, עקזיסטירנדע און צוקונפטיגע, קוקן אזוי ארויס מיט שפאנונג.

אין די לעצטערע טעג און וואכן האט מען געמאכט גאר גרויס פארשריט אין יעדן עספעקט, און אצינד ווארט מען אויף די באשטעטיגונג פון די בוי פערמיטן, מיט'ן האפענונג אז מ'זאל זיך שוין קענען נעמען ווי פריער צו די פאקטישע בוי ארבעט, און מאכן שנעלע פארשריט לשמחת לבם פון די הונדערטער תושבים.

אנשי שלומינו וואונטשן פאר די אלע חשוב'ע עסקנים און הנהלת הקהלה, אז מ'זאל זוכה זיין אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט און אויסצופירן די הייליגע אונטערנעמונג שנעל און גרינג, מיט סייעתא דשמיא און הרחבת הדעת, וחפץ ה' בידם יצליח לרומם קרן התורה ולהרחיב גבולי הקדושה לשם ולתפארת.

בונים היכל לה' אלקי ישראל!



דער נייער שטח



פלאן פונעם נייעם בית המדרש אויף וואלעבאוט



באנקעט לטובת קרן הבנין בבית הרבני הנגיד אברהם יצחק קאהן נ"י בהשתתפות כ"ק מרן רבינו שליט"א

## כח הרבים

קריאת הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א בשעת'ן מעמד הנשגב והמרומם כ"א כסליו אצל הדינער השנתי לטובת מוסדתינו הקדושים בוויליאמסבורג אז די אלופי אלפי ישראל זאלען זיך מקבל זיין אנצוהייבן די נייע מסכת מגילה בכח הרבים ובזכות זה זאל נשפע ווערען כל מילי דמיטב.



רבבות אלפי ישראל בשעת'ן זיך צוהערן די דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א - כ"א כסלו תשע"ב




מודעה פון חבורת יסודי התורה איבער התחלת מסכת פסחים

הרחיבי מקום אהלך:

# ביהמ"ד הגדול דסאַטמאַר אין באָראָ פאַרק ווערט פילפאַכיג פאַרברייטערט מיט נייעם פליגל לשמחת לב אנשי שלומינו

**היכל התורה "בית חי"" ווערט שטאַרק אויסגעברייטערט – גרויסער היכל ווערט ספעציעל געבויט צו אַקאָמאַדירן היכל הכולל דברי יואל דסאַטמאַר מיט אירע נאָנט צו 120 לומדים מופלגים שליט"א – 2 נייע חדרי תפלה ווערן געבויט פאַר נאכנאנדע מנינים ערב ובוקר וצהרים – נאָך פילע איינריכטונגען צוגעבויט לטובת אלפי מתפללי ולומדי ביהמ"ד**

באָראָ פאַרק. - אנשי שלומינו וחברי קהילתינו הק' אין באָראָ פאַרק קוקן זיך צו בשמחה רבה מיטהאַלטנדיג דעם גאַלאָפירענדער הרחבת גבולי הקדושה וואָס גייט ב"ה אָן אויף א געהויבענעם פאַרנעם אין אַלע אָפטיילונגען פון די קהלה און די מוסדות, וואָס זעט זיך ספעציעל אַן ביי די אָנגייענדע בוי-אַרבעט פילפאַכיג אויסצוברייטערן דעם ביהמ"ד הגדול דקהילתינו הק', ביים צובויען דעם נייעם פליגל אויף די לינקע זייט פונעם ביהמ"ד, מיט פילע פרישע איינריכטונגען נאָכצוקומען דעם גרויסן געברויך פון די אלפי מתפללי ולומדי ביהמ"ד.

דער ביהמ"ד הגדול דקהילתינו הק' אין באָראָ פאַרק איז נודע בשערים אַלס איינס פון די שענסטע בתי מדרשים אין די שטאָט, זייענדיג א תל תלפיות פאַר אלפי ישראל וואָס קומען כסדר מיטהאַלטן די תפלות און שיעורי תורה אין דעם ביהמ"ד. שוין צענדליגער יאָרן וואָס דער ביהמ"ד הגדול איז איינס פון די צענטראַלסטע בתי מדרשים אין די שטאָט, וואו אומצאָליגע אידן האָבן זיך קובע מקום געווען לתורה ותפלה, און אידן שפירן א געשמאַק און א זכי' צו קענען עוסק זיין בתורה ותפלה אין אַזאַ מקום קדוש.

מיט אַריבער צוואָנציג יאָר צוריק איז דער ביהמ"ד נתעלה געוואָרן ווען עס איז נתייסד געוואָרן דער באַרימטער היכל התורה "בית חי"" וועלכע איז במשך השנים אויסגעשטיגן אַלס מקום תורה מיוחדת במינה, זייענדיג א פלאַץ וואָס איז רוב שעות פונעם מעל"ע צוגעשטעלט צו קענען דאָרט לערנען בלי שום מפריע. דער היכל התורה בית חי' איז געווען דער ערשטער פון דעם סאָרט, און די פילצאָליגע היכלי התורה וואָס זענען שוין היינט איינקוואַטירט אין פילצאָליגע בתי מדרשים און קהלות, איז אַלעס אַהערגעשטעלט אויפ'ן פאַרנעם פונעם היכל התורה בית חי' אין בית המדרש הגדול דקהילתינו הק' אין באָראָ פאַרק.

אויך אינעם "עמוד התפלה" איז דער ביהמ"ד שוין שטאַרק געשטיגן במשך השנים, נאָכדעם וואָס מיט יאָרן צוריק האָט מען פילפאַכיג פאַרגרעסערט דעם ביהמ"ד צו קענען נאָכקומען דעם גרויסן בליה און וואוקס פון חברי קהילתינו הק' און מתפללים ולומדים פון אַלע קרייזן וואָס האָבן אויסגעקליבן דעם ביהמ"ד אַלס קביעות'דיגער מקום תורה ותפלה, זייענדיג גרויס און פראַכטפול וואָס געט צו א געוואַלד מיט הרחבת הדעת ביים לערנען און דאַווענען.

## הרחיבי מקום אהלך

ווי עס איז דער שטייגער ביי יעדע סאַטמאַרער פראָיעקט, האָט שוין אויך דער "גרויסער" ביהמ"ד אויסגעוואַקסן דעם געברויך, און לויט'ן גרויסן ציבור מיט וואָס דער ביהמ"ד ווירבעלט טעגליך, סיי ביי די תפלות און סיי ביי די שיעורי תורה אין היכל בית חי', ווי אויך ביי די שיעורי תורה ברבים, פעלט זיך שוין נויטיג אויס אַז מ'זאָל צובויען און פאַרגרעסערן דעם ביהמ"ד.

חפץ ה' בידם הצליח פון די געטרייע חברי הנהלת הקהלה אָפצוקויפן דעם דערנעבנדיגן שטח האַרט נעבן דעם ביהמ"ד אויף די לינקע זייט. דער שטח איז אָפגעקויפט געוואָרן בברכת קדשו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א וועלכער האַלט כסדר מיט דעם בליה און וואוקס פון די קהלה, און בהדרכתו פונעם מרא דאתרא כ"ק הגה"צ רב דקהילתינו הק' פון באָראָ פאַרק שליט"א.

נאָכן אָפקויפן דעם נייעם שטח האָט די הנהלת הקהלה צוזאַמען מיט עטליכע געטרייע עסקנים זיך אַריינגעלייגט אויסצואַרבעטן די פונקטליכע פלענער, און מ'האָט א לענגערע צייט אַריינגעלייגט כח און מח ווי אַזוי אַלעס אַהערצושטעלן על צד היותר טוב.

לויט די באַשטימטע פלענער ווען די ערשטע צוויי שטאָקן פונעם ביהמ"ד פילפאַכיג פאַרברייטערט ווערן מיט טויזנטער סקווער פוס. דער אונטערשטער שטאָק וואו עס געפונט זיך דער היכל התורה בית חי', ווערט גענצליך פאַרברייטערט ווערן, מיט גענוג פלאַץ צו קענען אַריינשטעלן נאָך צענדליגער טישן און בענקלעך, כדי אַז די חשוב'ע לומדים זאָלן אַלץ טרעפן גענוג פלאַץ וואו זיך צו זעצן לערנען.

## היכל הכולל דברי יואל

אויף די אונטערשטע שטאָק ווערט אי"ה אויך געבויט ווערן א ספעציעלער גרויסער היכל, צו אַקאָמאַדירן דעם באַרימטן "כולל דברי יואל דסאַטמאַר" וועלכע האָט זינט איר התייסדות זיך קונה שם טוב געווען אַלס איינס פון די שענסטע מקומות התורה אין באָראָ פאַרק, אונטער די הדרכה פונעם חשוב'ן ראה"כ הגה"צ רבי יוסף דוד שנעבאַלג שליט"א.

דער היכל הכולל געפונט זיך היינט אין א געדינגענעם לאָקאַל, און האָט שוין עטליכע מאָל געמוזט בייטן מקומות, כדי צו קענען אַקאָמאַדירן די פילצאָליגע פרישע לומדים חשובים. אידן וואָס גייען סיי ווען אימער דורך דעם היכל הכולל, ווערן איבערראַשט צו הערן דעם קול תורה אדיר, און עס איז אַן עונג רוחני מיטצוהאַלטן ווי שטאַרק דער כולל האָט ב"ה באַוויזן מרומם צו זיין דעם קרן הקהלה אויף אַזאַ געוואַלדיגן פאַרנעם.

אינעם כולל דברי יואל לערנען שוין היינט א מספר עצום פון נאָנט צו 120 לומדים מופלגים, און עס פעלט זיך שוין ווייטער אויס מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה, כדי צו קענען אריינעמען די פילע לומדים חשובים וואָס לערנען און וואָס קומען כסדר צו אַלס חברי הכולל. אַצינד מיט'ן נייעם פליגל וועט דער כולל אי"ה סטאַנצאירט ווערן אויף איר אייגענעם מקום, און וועט פיל צוגאבן צום הרחבת הדעת ביים אויסאַרבעטן די מקצועות התורה מיט א יגיעה עצומה.

דער היכל הכולל וועט אַזוי געבויט ווערן אַז אין די ימי בין הזמנים זאָל מען דאָס קענען מחבר זיין אַלס איין גרויסער היכל מיט'ן "בית חי"" וואָס אַזוי וועט זיין גענוג פלאַץ פאַר בחורים און אברכים וואָס לערנען נישט דאַן אין זייערע מקומות התורה.

## חדרי תפלה

מיט א שטאָק אַרויף, האַרט נעבן דעם גרויסן ביהמ"ד, וועט אי"ה געבויט ווערן נאָך עטליכע שטובלעך וואָס וועט זיין צוגעשטעלט לתורה ותפלה. די נייע שטובלעך וועלן אי"ה ערמעגליכן צו קענען מסדר זיין די מניני תפלה אויף א בעסערן פאַרנעם, צוצושטעלן נאָך מנינים אויף שחרית, מנחה ומעריב, ווי אויך מסדר צו זיין פרישע שיעורי תורה ברבים, אַלעס לויט ווי עס פעלט זיך אויס לטובת הציבור.

אַזוי ווערט צוגעשטעלט אַלע איינריכטונגען וואָס פעלט זיך אויס פאַר'ן ציבור, ווי קאַווע שטובלעך, ביה"כ, טויערן, פאר-צימערן און נאָך.

## הרחיבי קאַמפיין

די גאַנצער פראָיעקט ציט ווי פאַרשטענדליך אַריין אין פאַנטאַסטישע סכומים, און א גרופע געטרייע עסקנים, אישי הציבור ואנשי שם האָבן זיך אַריינגעלייגט בכל לב ונפש אויפצוטרייבן די ריזיגע סכומים וואָס עס פעלט זיך אויס אָנצוגיין מיט דעם פראָיעקט, און עס פאַרענדיגן וואָס פריער.

די בוי-אַרבעט גייט ב"ה אָן אין פולן שוואונג, אַז עס וועט בעזהשי"ת שוין נישט לאַנג געדויערן ביז מ'וועט אי"ה הערן דעם קול תורה ותפלה אינעם גאַנצן נייעם צוגעבויטן פליגל. אין ליכט פון די אָנגייענדע אַרבעט, האָבן די געטרייע עסקנים חברי ועד קרן הבנין פראָקלאָמירט דעם גרויסאַרטיגן "הרחיבי קאַמפיין" מיט'ן ציל אויפצוטרייבן גרויסע נדבות פונעם ברייטן ציבור חברי הקהלה, ולומדי ומתפללי ביהמ"ד.










# בנו לכם ערים לטפכם

### די הרחבת גבולי הקדושה און פארשפרייטונג פון די פעסטונגען פון אונזער קהילה איבער די שטאט



**פארוואַרט**

כהיום יום איז קהלתינו הק' אויפגעבויט אויפן שענסטן פארנעם. די קהלה שפרודעלט מיט בתי מדרשים לתורה ולתפלה און מיט נאך פילצאליגע פעולות און אקטיוויטעטן וואס געהערט צו א קהלה קדושה בישראל וואס פון די אלע זאכן איז יעדער איינער בלי יוצא מן הכלל כסדר נהנה, ווי מיר וועלן טיילווייז אויסרעכענען אין דעם פאלגענדן ארטיקל

## בתי מדרשים דקהלתינו הק' בוויליאמסבורג יצ"ו

חסדי ה' כי לא תמנו, האט קהלתינו הק' באוויזן אין די קורצע צייט אהערצושטעלן א ריזן אימפעריע פון בנינים ומבצרים אדירים לתורה וחסידות פון וואס יעדער איינער פון אונז איז נהנה מידי יום ביומו.

דער גולת הכותרת פון די בנינים אדירים איז דער קאמפלעקס פונעם ביהמ"ד הגדול מיט אלע זייטיגע שטובלעך און צוגעהערן. דער בנין ביהמ"ד הגדול זעלבסט איז וואונדערליך אויפגעשטעלט געווארן אין א צייט-אפשניט פון בלויז צוויי וואכן, און ווערט באנוצט מדי שבוע בשבוע, ובפרט אין די חגי וזמני ששון, ווי ימים טובים און ימי השמחה בחצר קדשינו, ווען דער ביהמ"ד ווירבעלט מיט טויזענטער אידן בליעה"ר.

דערנעבן געפונט זיך דער בנין חי"ל הילמאן וואו אריבער פופצן הונדערט אידן האבן טעגליך זייער קביעת עתים לתורה אינעם בארימטער היכל תהלות יהוסף; הונדערטער אידן האלטן מיט די שיעורי תורה דרבים; מאסן אידן דאווענען די תפלות ביי די צענדליגער מנינים שחרית מנחה ומעריב.

ווי א ביהמ"ד פאר זיך איז דער "קומה שלימה" דער אויבערשטער שטאק פון ביהמ"ד הגדול, וועלכע דינט שבת און יום טוב אלס "עזרת נשים", און ווערט כסדר באנוצט להרים קרן התורה והתפלה, ווי "שיעורי תורה ברבים" ערב ובוקר וצהרים; "חברת תהלים" שע"י תשב"ר יעדן שבת אינדערפרי און אין אנדערע זמנים אין יאר; "אתרוגים יריד" פאר סוכות און נאך.

פון צווישן די צוויי בנינים ביהמ"ד הגדול און בנין חי"ל שעפן אנ"ש חיות דקדושה



**בית המדרש ברך משה שע"י קהל יטב לב**

אויפן טאג טעגליכן לעבן, זייענדיג דאס ארט וואו עס ווערט צוגעשטעלט אלע רוחניות'דיגע געברויכן וואס קען נאר צוגעשטעלט ווערן לתורה, תפלה, צדקה, חינוך הבנים ועוד ועוד, ווי: אנ"ש האבן טעגליך זייער קביעת עתים לתורה אינעם בארימטער היכל תהלות יוסף; אנ"ש האלטן מיט די שיעורי תורה דרבים; ספעציעלע "שיעורים פאר "חתנים" און "אברכים צעירים" דורך הרבנים הגאונים מורי הוראה דקהלתינו הק' שליט"א; שיעורים אין זמנים מיוחדים אין יאר, ווי: פאר יום טוב, ימי חול המועד, שובבי"ם, זונטאגס, פרקי אבות, ועוד; "חברה משניות" לע"נ הנעדרים; "חברה קנין ספרים" מיט טויזענטער ספרי קודש - צענדליגער פיל-געפאקט מנינים ביי אלע תפלות שחרית מנחה ומעריב; "ועד מורא מקדש" אכט צו געבן אויף כבוד בית מקדש מעט און אויף קדושת ביהמ"ד באופן נעלה; - "ועד הקאווע" צוצושטעלן טעגליך טויזענטער גלעזלעך ווארימע משקה; עטליכע גמ"ח קאסעס; גמ"ח עזר נישואין; גמ"ח לחליפין וואס באדינען אלע טעגליך דעם ציבור מיט גרעסערע און קלענערע הלוואות, פקדונות און אנדערע פעולות של חסד, פון וואס אידן זענען כסדר נהנה - "חברת תהלים לתשב"ר" יעדן שבת קודש; חברת "ושננתם לבניך" מיט הונדערטער עלטערן און קינדער וועכענטליך; "חברת תהלים" יעדן פרייטאג אין די לאנגע זומער טעג; חברה "ומקדשי תיראו" פאר די תשב"ר ביים ליינען; "חברת תהלים" יעדן יום התענית; חברה "מקדשי שביעי" צוזאמצונעמען די קינדער ביי שלש סעודות צו זינגן די זמירות מיט א נעימות; ועוד ועוד אשר אי אפשר לפורטם כי רבים המה, ממש אלע רוחניות'דיגע געברויכן וואס א איד נויטיגט זיך פאר אן ערליכער אידישער לעבנסשטייגער.

אויסער די גרויסע בתי מדרשים, איז אהערגעשטעלט געווארן באזונדערע בתי מדרשים אין אלע געגענטער פון די שטאט, דערמיט צו געבן די געהויבענע געלעגנהייט פאר אנ"ש ובני קהלתינו הק' זיך קובע מקום צו זיין לתורה ולתפלה דייקא אין די קהל'ישע סאטמארער בתי מדרשים, ווי עס איז געווען רצון קדשם פון רבוה"ק זי"ע ויבלחט"א.

## ביהמ"ד ברך משה

תלי"ת איז אפגעצייכענט געווארן א גאנץ קיילאכדיגער יאר פון ווען אנשי שלומינו תושבי שכונת קלינטאן היל האבן זיך אריינגעצויגן אין דעם נייעם ביהמ"ד החדש "ברך משה" אויף סקילמאן סט. וועלכע איז געבויעט געווארן לשמו ולזכרו פון מרן רביה"ק זי"ע, וואס רוחו הק' איז חופפת עליו כל הימים.

זייענדיג דער סאמער ערשטער בנין וואס קהלתינו הק' האט אויפגעבויט ממסד עד הטפחים, רופט דער ביהמ"ד ארויס וואונדער און שעצונג ביים גאנצן ציבור.

דער ביהמ"ד איז היינט צו טאגס א פראכט פאר אונזער קהילה, דינענדיג אלס ליכטיג ווינקל אין די ניי-וויליאמסבורג געגנט וואו אנשי שלומינו זענען זיך קובע לתורה ולתפלה ערב ובוקר וצהרים אינדערוואכן און אין שבתים וימים טובים, אונטער די הדרכה פונעם רב הביהמ"ד הרה"ג ר' נפתלי הירצקא צוויבעל שליט"א, און דער דומ"ץ הביהמ"ד הרה"ג ר' משה ראזענפעלד שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק'.

## בית מדרשינו "איחוד התלמידים" וואלעבוט

פון די שיינע בתי מדרשים בתוככי קהלתינו הק' איז דער בארימטער ביהמ"ד "איחוד התלמידים"



**בית המדרש ויואל משה - ראס סט.**



**היכל הבית מדרש איחוד התלמידים - וועלעבאוט**



טיילווייזער בילד פונעם גרויסן כולל אברכים שע"י קהילתינו הק',
סטאנציאנירט אין ביהמ"ד הגדול



בית המדרש ישמח משה
אויפן אונטערשטען שטאק געפונט זיך די מצה בעקריי שע"י קהלתינו הק'



בית המדרש דברי יואל - העריסאן עוו.



בית המדרש קהל יטב לב - סאוט 8

אויף וואלעבוט סט. וועלכע איז א גאנצע וואך א הערליכער מקום תורה ותפלה, ובפרט אין די שבתות וימים טובים. זייענדיג פון די גאנץ ערשטע בתי מדרשות וואס איז נתייסד געווארן דורך קהלתינו הק' איז דער ביהמ"ד א תל תלפיות פאר פילצאליגע אידן, און גייט אן לשם ולתפארת אונטער די הדרכה פונעם רב הביהמ"ד הגה"צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א.

בעתיד גרייט מען זיך אויפצובויען א גרעסערן ביהמ"ד און מקוה בשכינות, וואס וועט שטיין צום געברויך פון די פילע מתפללים שיחיו.

## ביהמ"ד ישמח משה

אין די זעלבע צייט איז אפגעצייכנעט געווארן א יאר פון ווען דער ביהמ"ד "ישמח משה" איז געעפענט געווארן אויך אויף די שבתות השנה, אין צוגאב וואס עס איז שוין פריער אפען געווען דורכאויס די גאנצע וואך אין די אווענט שטונדן אלס מקום לקביעת עתים לתורה. דער ביהמ"ד געפונט זיך אין היכל ישיבת "קרן התורה" אויף ראטלידש סט. און איז פון די שיינע בתי מדרשים שע"י קהלתינו הק'.

דער ביהמ"ד ווערט אנגעפירט אונטער די הדרכה פונעם דומ"ץ הביהמ"ד הרה"ג ר' בנציון לאוב שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק'. און אין די קורצע צייט פון איר עקזיסטענץ איז גאר שטארק נתרבה געווארן דער כח התורה אין די געגנט פון יונגעלייט וואס קומען יעדע נאכט צו די שיעורי תורה אין דעם ביהמ"ד.

## בית מדרשינו ויואל משה ראסס סט.

א הערליך ווינקל בתוככי קהלתינו הק' איז דער בארימטער ביהמ"ד "ויואל משה" וואו עס האבן זיך קובע מקום געווען פילצאליגע בני עלי' ובני תורה, חסידים ואנשי מעשה וועלכע דאווענען יעדן שבת מיט מתינות און געהויבענקייט, אלעס אונטער די הדרכה פונעם דומ"ץ הביהמ"ד הגה"צ רבי אר' לייבוש טייטלבוים שליט"א.

במשך די וואך גייט אן א הערליכער כולל בוקר אין דעם ביהמ"ד, וואו יונגעלייט זענען עוסק בתורה בהתמדה און דערנאך דאווענט מען שחרית במתינות אזוי ווי עס פאסט פאר תלמידי וחסידי רבותינו הק' זי"ע ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

## בית מדרשינו סאוט 8 סט.

א נייער ביהמ"ד וואס קום געעפענט געווארן, און איז שוין היינט ברייט באקאנט אלס הערליכער מקום תורה וואס האט צוגעצויגן צו זיך מסלתה ומשמנה פון חברי קהלתינו הק' תושבי השכונה. אין די געצייליטע חדשים וואס דער ביהמ"ד איז אפען, איז עס שוין ברייט באקאנט אלס אייגענארטיגער געהויבענער מקום תורה ותפלה וואס ברענגט א שטארקן כבוד פאר קהלתינו הק'.

דער ביהמ"ד ווערט אנגעפירט אונטער די הדרכה פונעם דומ"ץ הביהמ"ד הרה"ג ר' חיים אהרן אונגאר שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק', וועלכער ברענגט אריין א רוח חיים אין דעם ביהמ"ד מיט די הערליכע שיעורים פאר'ן ציבור מתפללי ביהמ"ד.

גלייכצייטיג גייען ווייטער אן די העפטיגע פלענער אויפצובויען פארן ביהמ"ד דעם בנין החדש והמפואר, וועלכע וועט געבויט ווערן אויף דעם גרויסן באדן וואס איז אפגעקויפט געווארן דורך עסקני קהלתינו מיט א צייט צוריק, ובורא עולם בקנין השלם זה הבנין.

## ביהמ"ד דברי יואל

פאר די תושבים אויף דעם אנדערן עק פון וויליאמסבורג, אויף די גאסן פון דעם געגנט פון טרופ עוו. שטייט גרייט דער הערליכער ביהמ"ד "דברי יואל" אינעם בנין ישיבת "באר התורה" וועלכע איז פתוח לרווחה א גאנצע וואך און אום שבת קודש, פאר די תפלות און שיעורי תורה, און ווערט כסדר באנוצט דורך אנ"ש וועלכע זענען זיך מחי' מיט דעם אייגן ווינקל וואס איז זיי צוגעשטעלט. אין שפיץ פון דעם משפיע רוחני הרה"ג ר' הערשל אשכנזי שליט"א מנהל ישיבה באר התורה.

## התאחדות אברכים

בכל עת מצוא זענען די חברי קהלתינו הק' נהנה פון די פארשידענארטיגע פעולות צוגעשטעלט דורך "התאחדות אברכים" צוזאמשטעלן שיעורים תמידין כסדר בכל עת ובכל זמן, און אדאנק די אלע פעולות קען יעדער איד ביי אונז אין די קהלה מיטהאלטן איינס אדער עטליכע שיעורים סיי ווען אימער, סיי בחברותא און סיי ברבים, סיי א גאנצע וואך און סיי שבתים ומוצאי שבת, סיי פאר די ימים טובים און סיי בימי החגים וחול המועד, אלעס אין ראם פון די בתי מדרשים שע"י קהלתינו הק'.

דאס איז אויסער די שיעורים ופעולות מיוחדים אין ספעציעלע זמנים ווי די וויכטיגע שיעורים פרטים פאר חתנים און כלות, זיי צוצוגרייטן צום נייעם לעבן וואס זיי גייען אנהייבן בשטומ"צ; שיעורים פאר אברכים צעירים זיי מדריך צו זיין בהלכה והשקפה; דרשות חיזוק והדרכה פאר די חשוב'ע אברכים ועוד.

די בתי מדרשים שע"י קהלתינו הק' ווירבלען פאר יעדן יום טוב, און במשך די ימים טובים פון די פילע שיעורים וואס איז צוגעשטעלט פאר די חברי קהלתינו הק'; שיעורים לימי השובבי"ם איבערצו'חזר'ן די הלכות נחיצות; און אזוי ווייטער.

## בית הוראה

דאס אידישע לעבנסשטייגער איז געקניפט און געבינדן מיט די תורה הק' ודיני'. כדי זיך צו קענען פירן ווי א איד, דארף מען כסדר אנפרעגן א דעת תורה ווי אזוי זיך צו פירן אויף טריט און שריט. בתוככי קהלתינו הק' שטייען גרייט קרוב צו צוויי מנינים חשוב'ע תלמידי חכמים, מורי הוראה מובהקים, וועלכע זענען עומדים הכן לשרת בקודש, להורות את דבר ה' זו הלכה און צו פסק'נען שאלות פארן ציבור.

דער "בית הוראה" אין בית מדרשינו הגדול ווירבלעט טעגליך עטליכע שעה אין טאג, סיי אינדערפרי און סיי אויפדערנאכט, מיט פילע שואלים בדבר ה' זו הלכה, ובפרט איז מערקבאר דער גרויסער ציבור שואלים אין פארשידענע זמנים איבער די וואך ווען עס איז שווער צו טרעפן א מורה הוראה, ווי ערבי שבתות וערבי ימים טובים און יעדן יום טוב נאך די תפלות, און אין נאך זמנים ווען די מורי הוראה זיצן אינעם בית הוראה בבית מדרשינו הגדול.

דאס איז אויסער דער צענטראלער לשכת בית הוראה שע"י קהלתינו הק' אויף ראס סט. וועלכע איז ווירבלעט טעגליך מיט הונדערטער אידן וואס קומען אנפרעגן שאלות בכל מקצועות התורה רוב שעות פונעם מעת לעת.

## כולל אברכים

א בחור פארענדיגט די ישיבה יארן, ער גייט אונטער די חופה בשטומ"צ און שוין איז קהלתינו הק' גרייט אים אויפצונעמען די פרישע אברכים מיט אפענע ארעמס, אז איידער ער גייט ארויס אויף די גרויסע וועלט, זאל ער נאך עטליכע יאר זיך קענען משלים זיין בעסק התורה, וואס דאס זאל אים אראפשטעלן א יסוד פארן לעבן, און זאל אים באגלייטן אויף שטענדיג.

דער בארימטער "כולל אברכים" שמשם יוצא קול תורה אויף א געוואלדיגן פארנעם, גייט אן מיט איר פולן גלאנץ און פראכט בהיכל בית מדרשינו הגדול אויף הופער סט. וואס די פילע אברכים וואס זענען יושבי אהלה של תורה, שעפן דארט חיות און חיזוק מיט וואס אנצוהייבן דעם נייעם לעבן אין וועלכע זיי טרעטן דאן אריין.

## פלייש געשעפטן

וואס נאך איז וויכטיגער פאר א אידישע שטוב ווי "כשרות" בכלל, און א "כשר שטיקל פלייש" בפרט. דאס איז דער יסוד אויף וועלכע א אידישע שטוב בויט זיך, און אן הזנחה אין דעם ענין איז ח"ו א הזנחה אינעם יסוד פון א אידישע שטוב.

צוליב דעם איז קהלתינו הק' מיט עטליכע יאר צוריק אריינגעשפרונגען אין דעם מעכטיגן פראיעקט, אויפצושטעלן די בארימטע פלייש געשעפטן, דורך וועלכע די אלפי חברי קהלתינו הק' האבן ב"ה די ברייטע מעגליכקייט מהדר צו זיין בכשרות הבשר אויפן העכסטן סטאנדארט. אין די געשעפטן וואו עס ווערט פארקויפט דייקא די פליישן וואס ווערן אהערגעשטעלט מיט אלע חומרות און הידורים וואס איז איינגעפירט געווארן דורך כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א כפי הוראותיהם וחומרותיהם פון מרנן רבוה"ק, סיי ביי די עופות און סיי ביי די גסות, ווי "שחיטה מונחת"; "גלאסענע שחיטה"; הידורים מיוחדים באופן יוצא מן הכלל ביי "בדיקת הסירכות"; "בדיקת סכינים" און אלע "בדיקות" בדקדוק יתירה; מליחה נאר מיט "שטיין זאלץ" כפי הוראת רביה"ק זי"ע ועוד ועוד.

(פארזעצונג אויף זייט 30)

אין בעפאָרברייטונג
צום יערליכער דיוס קאסירו

# אינפאָרמאַטיוווער אינטערוויו

מיט הרה"ח ר' **יואל קויפמאַן** הי"ו
משמש דקהלתינו הק' קהל יטב לב

**עורך: א גוטן ר' יואל, איז מעגליך איצט צו רעדן?**

**ר'** יואל: צופיל צייט האָב איך נישט, ס'איז אָבער פאָרט נישט חודש תשרי, ס'איז דאָ אַביסל מער צייט...

**עורך: כ'האָב דאָ באַקומען דעם "דיוס-ביל" פון די קהלה. איך וועל עס זיכער באַצאָלן ווי יעדער איינער. אָבער אפשר לייגסטו אַביסל אַראָפּ די פעולות פון די קהלה פאַר אנ"ש איבער די שטאָט וואס יעדער איינציגער יחיד טוט געניסן?**

**ר"י:** דער אמת איז אַז דיוס צאָלט מען נישט פאַר די הוצאות פון ביהמ"ד הגדול. דיוס צאָלט מען פאַר קהל יטב לב וואָס האָט זייער אַסאַך הוצאות און טאַקע גרויסע הוצאות פאַר פאַרשידענע גרויסאַרטיגע פעולות פון וואָס "יעדער יחיד" געניסט. נאָך מער, די הכנסה פון "דיוס" דעקט ניטאַמאָל די אַלע פאַרשידענע הוצאות פון וואָס אַלע אנ"ש זענען נהנה, אפגעזעהן אין וועלכע ביהמ"ד מען דאווענט.

**עורך: מיינסט אודאי צו זאגן די פאַרשידענע תקופות איבערן יאָר ווען דער גאנצער ציבור געניסט פונעם ביהמ"ד הגדול, ובפרט אין די הייליגע טעג, און שיינע שבתים...**

**ר"י:** איך מיין אַז איך האָב טאַקע זייער גוט אָנגעהויבן אַז עס איז נישט חודש תשרי. ווען דו זאָלסט וויסן וואָס חודש תשרי אַליינס ציט אַריין פאַר די קהלה, פאַר דיר און פאַר נאָך טויזנטער יחידים וואָס זענען חברי קהלתינו הק', וואלסטו זיכער אַנדערש גערעדט... און דאס אויסער די הוצאות פון א גאנץ יאר פאר אלע אנ"ש אבער יעצט לאמיר רעדן פון חודש תשרי, אבער דאס זעלבע חזר'ט זיך אייגענטליך איבער א גאנץ יאר.

איך דאַרף דיר דאָך נישט זאָגן, אַז חודש תשרי איז ממש דער הויכפונקט פונעם יאָר. עס נעמט אַריין אומצאָליגע פרטים און געשעענישן. און נאָך מער. חודש תשרי איז טאַקע זייער פאַרנומען, אָבער דאָס איז שוין - ווי מ'זאָגט - דער אויספיר. שוין א לאַנגע צייט פאַר תשרי איז מען פאַרנומען מיט די עסקנים צו זען אַז אַלע פרטים פון חודש תשרי זאָל דורכגעפירט ווערן אין די קהלה על צד היותר טוב לשביעת רצון אלפי אנ"ש.

**עורך: פיין. איז אפשר אַלס מעמבער וואָס צאָלט ערליך דיוס און אַנדערע התחייבות, קענסטו איבערגעבן אַביסל פרטים איבער חודש תשרי?**

**ר"י:** צו רעדן פון דעם איינעם חודש, חודש תשרי דאַרף מען האָבן אַסאַך צייט, און נאָך מער צייט דאַרף מען האָבן צו דערציילן וואָס עס טוט זיך אָפּ און וויפיל עס קאָסטן אָפּ בלויז דריי טעג אינעם חודש, די טעג פון הושענא רבה, שמיני עצרת און שמחת תורה. מ'קען דערפון רעדן לאַנגע שעות וויפיל כוחות מ'לייגט אַריין, און וויפיל געלט מ'לאָזט זיך קאָסטן אַז יעדע זאַך זאָל זיין הונדערט פראָצענט מסודר לטובת הציבור. אין די דריי טעג אַליינס זענען דאָ צענדליגער געשעענישן און מצבים, וואָס אין א געווענליכן זמן דאַרף מען פאַר דעם האָבן עקסטער אומצאָליגע טעג און וואָכן אַלעס אהערצשטעלן על צד היותר טוב.

**עורך: צענדליגער מצבים? ממש אַזוי?**

**ר"י:** לאמיך אָנהייבן פון אָנהייב. אויסער די פלאַנירונגען פון אַזויפיל חדשים פריער, קומט דער יום טוב סוכות ווען מ'גרייט זיך צום הויכפונקט פון די הייליגע טעג, וואָס אויב האָבן צדיקים געזאָגט, אַז די צווייטע טעג סוכות איז דער סאמער שפיץ פון א גאַנץ יאָר; אַלעס איז אַן "הכנה צום אתה הראית" זעט מען דאָס ביי רבינו שליט"א און ביי די קהלה בחוש. די "צווייטע טעג" איז דער זמן וואָס ברענגט צונויף טויזנטער און טויזנטער אנ"ש מכל קצוי תבל, און דער ביהמ"ד הגדול ווירבעלט אומאויפהערליך מיט צענדליגער טויזנטער אידן בלי גוזמא.

גלייך מוצאי יום טוב הראשון, כ'מיין די ערשטע טעג חול המועד הייבט מען שוין אַן צוצוגרייטן דעם ביהמ"ד הגדול צו קענען אַקאָמאַדירן דעם ריזיגן ציבור בליעה"ר. מ'דאַרף אנגרייטן דעם ביהמ"ד, די סוכה, די עזרת נשים, די גאס פארענט פון בית המדרש און אַלעס אַרום, אַז אַלעס זאָל זיין גרייט אויף ליל הושענא רבה.

אין אמת'ן אריין אז מען רעדט פון די טויזענטער אורחים וואס קומען אויף יום טוב דארף מען וויסן אז דאס קאסט אויך אפ אסאך געלט פאר קהל, דער ועד האשל שע"י קהילתינו הק' לייגן אריין הונדערטער שעות בעפאר יו"ט צוצושטעלן דירות פאר די פילצאליגע אורחים וואס מעלדן זיך דורכ'ן טעלעפאון אז זיי זוכן אן אכסניא, אסאך אידן זוכן צו דינגען דירות און זיי האבן נישט די מעגליכקייט אנצוקומען צו די וואס זענען גרייט צו פארדינגען א.א.״וו, קהל צאלט פאר עטליכע יונגעלייט וואס זיצן אויפ'ן טעלעפאון אין די ערב יו"ט טעג און זענען מסדר הונדערטער געסט אויף יו"ט.

ליל הושענא רבה זעען זיך שוין אַן פילצאָליגע אויסלענדישע געסט וואָס זענען שוין אָנגעקומען אויף יום טוב, און האַלטן מיט דאָס ליינען משנה תורה צוזאַמען מיט'ן רבי'ן שליט"א. גלייך נאָך משנה תורה גייט מען אַרויס אין די גרויסע סוכה צום עריכת השולחן פון רבי'ן שליט"א.

**עורך: אַנטשולדיגט אַז איך האַק איבער. אָבער דו רעדסטו פון די סוכה, דאַכט זיך אַז די קהלה שטעלט צו צוויי סוכות. איינס אויף וויליאַמסבורג סט. און איינס אויף הופער סט. צו וואָס דאַרף מען צוויי?**

**ר"י:** די סוכה אויף הופער סט. איז אַהערגעשטעלט מיט אַלע באַקוועמליכקייטן, וואָס הגם ווען עס קומט די צווייטע טעג סוכות קוקט עס אויס היבש קליין קעגן אַזאַ ריזיגן ציבור בליעה"ר... אָבער איבער די ימי הסוכות ווערט עס גוט באַנוצט דורך די אלפי מתפללים וואָס טרונקן דאָרט קאַווע, מ'איז טועם תיקון וואָס אידן שטעלן צו, שאָקלען לולב און זיך קובע צו זיין עתים לתורה. דאָס איז אויסער וואָס אויך אום שמחת תורה קומט עס גוט צונוץ, ווי עס וועט מסתמא שפּעטער אויסקומען מער צו רעדן פון דעם.

נאָכדעם איז דאָ די גרויסע סוכה אויף וויליאַמסבורג סט. וואָס דאָס ווערט בעיקר געבויט פאַר אַלע אנ"ש פון די גאנצע שטאָט כדי צו קענען אַקאָמאַדירן א גרעסערן ציבור אויפאַמאָל, בעיקר טאַקע אויף די לעצטע טעג סוכות, צו קענען מיטהאַלטן די עריכת השולחנות פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

**עורך: ווען נוצט מען די גרויסע סוכה?**

**ר"י:** איך מיין אַז בלויז איינמאָל וואָס דער עולם קומט זיך צוזאַם ביי אונז אין די סוכה, ווערט די סוכה באַנוצט דורך סאַך א גרעסערער ציבור, ווי דער ציבור וואָס קומט זיך צוזאַם אין אַנדערע "גרויסע סוכות" דורכאויס אַלע טעג יום טוב אויפאַמאָל... אבער אין אמת'ן ווערט אויך ביי אונז די גרויסע סוכה באַנוצט אויך דורכאויס די ימי החג, ווען מ'קומט זיך צוזאַם אויף "שמחת בית השואבה" בראשות הגה"צ אבדק"ק ור"מ שליט"א, און אַזוי פאַרשידענע אַנדערע זמנים איבערן יום טוב.

אגב, היי-יאָר איז די סוכה ספּעציעל באַנוצט געוואָרן דורך א ריזיגן ציבור טאַקע אינמיטן סוכות, ווען ביים עריכת השולחן הטהור פון רבי'ן שליט"א לרגל אושפיזא דאהרן כהנא קדישא איז פאָרגעקומען דער גרויסער שמחת התנאים פון רבי'ן שליט"א'ס אייניקל, החתן זון פונעם רב שליט"א.

לכבוד החג ולכבוד השמחה האָט די קהלה זיך געלאָזט קאָסטן שווערע טויזנטער דאָלאַרן, כדי פילפאַכיג צו פאַרגרעסערן די סוכה, א זאַך וואָס האָט באמת זיך שוין לאַנג אויסגעפעלט, כדי צו קענען אַקאָמאַדירן דעם גאַנצן ציבור בליעה"ר. טאַקע ווען רבינו שליט"א איז אַריינגעקומען צום תנאים, מ'האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם ריזיגן ציבור וואָס האָט איבערגעפילט די סוכה פון ברעג צו ברעג, האָט מען פאַרשטאַנען הנהלת קהילתינו






בשעת'ן אויפבויען די נייע פארברייטערטע סוכה שע"י בית המדרש הגדול לקראת חג הסוכות תשע"ב

קהל יטב לב ד'סאטמאר

# פינאנציעלע באריכט
## פינעם בודזשעט דקהילתינו הק'

**בתי מדרשים לתורה ולתפלה**
וואס ווערט באניצט דורך טויזנטער אנ"ש חברי קהילתינו
יוטיליטי /מעינטענענס /סופליי /ליגעל קאסט /ריפעירס /וכו'/
**$395.000**

**לדון ולהורות בני ישראל**
די פעולות רוחניות פאר אברכים ובעלי בתים זקנים ונערים
בית הוראה /מורה הוראה /כלי קודש הרבצת התורה /וכו'
**$220.000**

**רענט מארגעדזש טעקס**
ריזיגע הוצאת פון די בניני הקהלה
בית המדרש הגדול /בנין בית חי"ל הילמאן /צענטראלע אפיס /בית נאוה קודש ומו"ס יזי העמפסער /לאקאלע בתי מדרשים /וכו'
**$612.000**

**שכירות פעיראל**
אנצופירען אלע פונקציעס אין די מעכטיגע אפאראט פון קהילתינו הק'
אפיס סטעף /איינגעשטעלטע /קלינינג סטעף /ספרים פאקערס /וכו'
**$420.000**

**מועדים וזמנים**
יומא דפגרא ווערט צוגעשטעלט לשם ולתפארת ובפרט בצלא דמהימנותא מיט רבינו שליט"א
שבתים במשך השנה /ימים נוראים /חנוכה /פורים /ל"ג בעומר /שמחת בבית רבינו /וכו'
**$180.000**

**אדמינסטראציע אין ווירטשאפט**
אדמינסטראטיווע קאסטן סאג טעגליך
אישורענס /פעיראל טעקס /בענק טשארדזשעס /קאמפיוטער נעטווארק /פרינטינג /שרייבערס /אדווערטייזינג /מעילינג /וכו'
**$207.000**




נאך די הכנסות פין זיצן
"נדו"נ-נר למאור בלייבט
איבער א דעפעציט פין

**אריבער א מיליאן דאללער**

וואס עס ווערט געדעקט פין די אלפי חברי קהילתינו וואס
צאלען די דיוסביישטייערונג צו זיין גלייכע שותפים אנצוגיין
בסייעתא דשמיא מיט די אלע פעולות נשגבות
שיקט אריין אייער התחייבות תיכף לייגט דאס נישט אפ

**חבר אנו לכל אשר יראוך**
**אל תפרוש מן הציבור**


ווי שטאַרק עס האָט זיך אויסגעפעלט צו פאַרגרעסערן די סוכה, און ערשט נאָך אַלעם איז עס געווען צו קליין...

**עורך: וואָס הייסט פאַרגרעסערט? שווערע טויזנטער דאָלאַרן האָט עס אָפּגעקאָסט?**

**ר"י:** יאָ, אַזויפיל האָט עס געקאָסט! דאָס אויפשטעלן די סוכה אַליינס קאָסט אָפּ שווערע טויזנטער דאָלאַרן יאָר-נאָך-יאָר, און היי-יאָר אַז מ'האָט עס פאַרגרעסערט, האָט עס עקסטער אָפּגעקאָסט נאָך שווערע טויזנטער דאָלאַרן. מ'האָט צוגעקויפט נייע הויכע שטאָלענע זוילן און נייע בימס, וואָס ערמעגליכט אַז מ'זאָל קענען אַהערשטעלן א הויכע סוכה כדי צו קענען אַרומנעמען די סוכה מיט הויכע פאַרענטשעס. עקסטער האָט מען צוגעקויפט נאָך אַסאַך בינטלעך בעמבא סכך וואָס קאָסט פיל טייערער. טראָץ וואָס אַנדערע סכך קאָסט אפשר אַביסל ביליגער, אָבער מיר האַלטן זיך צו די הוראות פון רבוה"ק מהדר צו זיין צו נוצן דייקא די בעמבא סכך, טראָץ וואָס עס קאָסט מער געלט, סיי דאָס קויפן און סיי דאָס אַרויפלייגן.

**עורך: און וויפיל קאָסט שוין דען אויפצושטעלן די סוכה?**

**ר"י:** אַסאַך געלט! מ'דאַרף דינגן עטליכע ספעציעלע הייב-מאַשינען, אויפצושטעלן די ביעמס און ווענט און עקסטער צו לייגן די סכך. די אַנדערע סאָרט סכך וואָלט געווען פיל לייכטער אַרויפצולייגן. אָבער צו לייגן בעמבא סכך קאָסט אַסאַך געלט און צייט. מ'דאַרף לייגן יעדעס בינטל באַזנדער, עס צושפרייטן געהעריג נישט צו שטאַרק און נישט צו ווייניג, אַזוי אַז דאָס אַליינס קאָסט אָפּ שווערע געלטער יעדעס יאָר עקסטער, ובפרט היי-יאָר ווען מ'האָט געדאַרפט צוקויפן נאָך סכך און שפעטער עס נאָך אַרויפצולייגן אויך.

דאָס זעלבע איז מיט'ן סטארידזשן קאָסט געלט. קהל האַלט אויס ספעציעלע טרעילאָרס וואו מ'האַלט די סוכה א גאַנץ יאָר, וואָס פאַרשטייט זיך אַז די גרויסע בעמבא סכך פאַרנעמט פיל מער פלאַץ, און דאָס צו סטארידזשן קאָסט אַסאַך געלט.

**עורך: איז צוריק צו אַלע יאָרן. ווען אַלץ ווערט די גרויסע סוכה בעיקר באַנוצט צוזאַמען מיט'ן רבי'ן שליט"א?**

**ר"י:** אָה, דאָ האַלט מיר דאָך. מ'איז פאַרטיג מיט משנה תורה, און דער רבי שליט"א פראַוועט דעם טיש פון ליל הושענא רבה. עס איז שוין דאָ א גרויסער ציבור געסט וואָס קומען אויף די צווייטע טעג. דער עולם צייגט טאַקע אַרויס די מדה פון הכנסת אורחים, מ'נעמט אַריין געסט. אָבער זייער ווייניג געסט האָבן א סוכה וואו צו עסן די סעודה. דאָס זעלבע איז מיט פילע יונגע אברכים וואָס האָבן נישט קיין אייגענע סוכות. גאַנץ סוכות געט מען זיך נאָך אַן עצה. מ'גייט צו די עלטערן, צי אַסאַך גאָר וואָס האַלטן זיך אויף אין קרית יואל אויף סוכות, אָבער אויף הושענא רבה האָבן זיי נישט קיין סוכה וואו צו עסן די סעודות, ווערט צוגעשטעלט דורך די הנהלת הקהלה א סעודה רחבה פאַר'ן גאַנצן ציבור, טאַקע אין די גרויסע סוכה אויף וויליאַמסבורג סט.

דער טיש איז גוט באַקאַנט אַלס איינס פון די שענסטע און געהויבענסטע מעמדים דורכ'ן יאָר, וואָס איז מלא וגדוש מיט התעוררות און געהויבענקייט. עס איז א ריכטיגע הכנה צום גרויסן טאָג הושענא רבה, און א גרויסער ציבור פון וויליאַמסבורג אַליינס פאַרבלייבט דאָרט עס מיטצוהאַלטן.

דאָס זעלבע איז צומאָרגענס הושענא רבה שפעט נאָכמיטאָג נאָכ'ן דאַווענען, איז ווייטער דאָ א גרויסער ציבור געסט פון אויסלאַנד און פון אויסער די שטאָט, צוזאַמען מיט פילע היזיגע אברכים וואָס האַלטן מיט די הושענא-רבה סעודה מיט טיש-פירן פון רבי'ן שליט"א אין די גרויסע סוכה. ווייטער לאָזט זיך די קהלה קאָסטן גרויס געלט צוצושטעלן א סעודה רחבה כיד המלך פאַר'ן גאַנצן ציבור.

אגב, פריער האָמיר שוין גערעדט פון צוויי סוכות וואָס ווערן אויפגעשטעלט, ס'איז דאָ נאָך א דריטע סוכה. א קליינע סוכה ווערט אַהערגעשטעלט נעבן די גרויסע סוכה, וואו די עסקנים סערווירן די סעודות פאַר'ן גאַנצן ציבור בליעה"ר.

ווידער ווערט די סוכה באַנוצט אום שמיני עצרת. אָנגעהויבן פון אינדערפרי נאָכ'ן דאַווענען, וואָס עס איז דער מנהג ביי רבוה"ק אַז מ'מאַכט קידוש אין די סוכה, וואָס איז א חלק פונעם געזעגענען פון די סוכה. ווידער דאָס זעלבע. די אורחים פון סיי וואו אימער, און די אברכים האָבן נישט קיין פלאַץ וואו מקיים צו זיין דעם מנהג. ווערט צוגעשטעלט דורך די קהלה א ברייטער קידוש אין די סוכה, וואו דער רבי שליט"א ערשיינט אויך, און איז משמיע קורצע דברות קודש מיט ברכות לרוב לכל הקהל הקודש.

ועל כולם איז דער קלימאַקס, ווען מ'געזעגענט זיך שמיני עצרת נאָכמיטאָג פון די סוכה, וואָס דעמאָלט דערקענט זיך פאַר'ן ברייטן ציבור אלפי החסידים די גרויסע אַרבעט וואָס מ'האָט אַריינגעלייגט אין די סוכה. די גרויסע סוכה ווערט מאָמענטאַל קליין און ענג אין פלאַץ צו קענען אַקאָמאַדירן אַזאַ גרויסן ציבור בליעה"ר. די סוכה איז מלא וגדוש מיט א ריזיגן ציבור, און מ'האָט די זכי' צו הערן דברות קודש און מיטהאַלטן די ניגוני התעוררות בצל רבינו שליט"א. ובפרט שפעטער ווען דער רבי שליט"א וואַרפט עפל, כמנהג אבותיו הק', וואָס איז כידוע האָבן צדיקים געזאָגט אַז מ'וואַרפט דאַן ישועות פון הימל, און דער ציבור שטופט זיך צו כאַפן השפעות משמי מעל. דאָס אַלעס ווערט דורכגעפירט אין די גרויסע סוכה.

**עורך: אַהאַ, אינטערעסאַנט צו הערן. איך כאַפּ ערשט איצט מיט וואָס פארא גרויסע הוצאות יעדע זאַך איז פאַרבינדן. כ'האָב שוין עטליכע מאָל מיטגעהאַלטן די סעודות אין די סוכה, און ניטאַמאָל איז מיר בייגעפאַלן צו טראַכטן אַז יעדע ריר קאָסט געלט...**

**ר"י:** אמת, און דאָס איז נאָר א חלק פון די הוצאות פון די סוכה. צוצורישן די סוכה קאָסט עקסטער אָפּ גרויסע סכומים געלט, אַהערצושטעלן פאַרענטשעס, איינצורישן די קיך, דינגן מייקס פאַר די דברות קודש פון רבי'ן שליט"א און פאַר די ניגונים. דאָס אַלעס קאָסט עקסטער געלט, און אַלעס דאַרף מען עקסטער צושטעלן אין די סוכה.

**עורך: אַהערצושטעלן פאַרענטשעס קאָסט אויך געלט? מ'האָט עס איינמאָל געמאַכט, און מ'נוצט עס איבער יעדעס יאָר. נישט אַזוי?**

**ר"י:** טאַקע אַזוי, אָבער ווייסט אפשר, וואו האַלט מען די פאַרענטשעס א גאַנץ יאָר? עס איז נישט דאָ קיין פלאַץ פאַר דעם אין ערגעץ. מיר האָבן נישט קייןליידיגן ווערהאַוז וואָס ווערט נישט באַנוצט. קהל דינגט ספעציעלע טרעילאָרס צו האַלטן דאָרט די פאַרענטשעס וואָס מ'נוצט נישט אַזוי איבערן יאָר, און נאָר ווען מען דאַרף עס ברענגט מען עס אַריבער אין ביהמ"ד.

אויסער דעם לאָזט זיך די קהלה קאָסטן גרויסע געלטער אַריינצוברענגען אויף די צווייטע טעג א טרעילאָר מיט פאַרענטשעס פון קרית יואל, כדי עס זאָל זיין גענוג סיי אין ביהמ"ד הגדול, סיי אין די סוכה, סיי אין ווייבער-שול, און סיי אין ביהמ"ד בנין חי"ל.

**עורך: אַזוי גאָר. איך כאַפּ מיך איצט, אַז ווען איך שטיי אויף די פאַרענטשעס, אין די סוכה צו אין ביהמ"ד אין איך האלט מיט די געהויבענע זמירות אין דברי תורה האָט קהל זיך געלאָזט קאָסטן אסאך געלט אין כוח, עס אהער צו שטעלען... אָבער פאַרוואָס דאַרף מען פאַרענטשעס אין ווייבער-שול? און אין בנין חי"ל?**

**ר"י:** אָה, ס'פאַרשטייט זיך אַז ס'איז נישט שייך ארומצוטראגן פאַרענטשעס פון איין פלאַץ צום צווייטן. די פאַרענטשעס זענען אַלץ פאַרנומען, און אויב וואָלט מען יעדעס מאָל עקסטער געדאַרפט שלעפּן פון איין פלאַץ צו די אַנדערע, וואָלט עס אָפּגעקאָסט נאָך הונדערטער שעות עקסטער. דעריבער מוז מען אויף יעדן פלאַץ וואו מען דאַרף פאַרענטשעס, האָבן עקסטערע פאַרענטשעס ספּעציעל אויף יענעם פלאַץ.

אין בנין חי"ל דאַרף מען פאַרענטשעס פאַרן טיש-פירן פון רבי'ן שליט"א טיש אום שמיני עצרת ביינאַכט נאָך די הקפות, און אויך ווען די ימים טובים געפאַלט אַזוי ווי היי-יאָר און שבת איז גלייך נאָך יום טוב האָט דער רבי שליט"א דאָרט געפירט טיש פרייטאָג-צו-נאַכטס.

אין ווייבער-שול איז דאָך פשוט. דער עזרת נשים איז דאָך אַזוי אויך צו קליין פאַר די טויזנטער פרויען. ובפרט אין די צווייטע טעג ווען עס קומען אַזויפיל נשים צדקניות מיטצוהאַלטן די הקפות אין ביהמ"ד, ווערט דער גאַנצער ווייבער-שול אויסגעשטעלט מיט פאַרענטשעס אַז עס זאָל זיין אַביסל מער פלאַץ דאָרט אויבן.

**עורך: אונז זעמיר שוין היבש פאַרקראָכן. איך מיין אַז מ'האַלט נאָך ביים אָנהייב, און האָסט שוין אויסגערעכענט אַזויפיל פּראָיעקטן...**

**ר"י:** ביזט גערעכט, למשל מ'האָמיר גערעדט פון די סוכות וואָס קהל שטעלט צו, מיט וויפיל הוצאות דאָס איז פאַרבינדן. דאָס אַליינס טוט מען שוין א היבש לאַנג פאַר'ן יום טוב כדי אַלעס זאָל זיין גרייט אין צייט. עס קאָסט געלט סיי דאָס ברענגען די סוכה, דאָס אויפשטעלן, לייגן די סכך, ציען וואַסער און עלעקטעריק, און נאָך וואָס אויף יעדע זאַך דאַרף מען עקסטער דינגן אַרבעטער וואָס העלפן צו דאָס אַהערצושטעלן.

און דאָס זעלבע איז מיט אַנדערע זאַכן. ס'איז דאָ אַזויפיל זאַכן וואָס קוקט אויס ווי נאַטורליך, ווי עס קומט אַזוי. אָבער גאָרנישט געשענט נישט פון זיך אַליינס. יעדע זאַך וואָס איז דאָ, דאַרף מען פאַר דעם האָבן אַהערגעשטעלט און אויסגעאַרבעט.

למשל, גאַנץ יום טוב שטייט נעבן ביהמ"ד גרייט דער היינט-באַקאַנטער "צרכי ציבור טראָק" וואָס ווערט שוין היינט באנוצט ביי יעדע גרעסערע מאורע בחצר קדשינו. דער טראָק איז אויסגעשטעלט מיט ספּעציעלע מאַשינערי צו מאַכן אייז און צו פילטערן דאָס וואַסער אַז עס זאָל זיין בתכלית ההידור והכשרות. די עסקנים געבן זיך אַוועק דאָס אַהערשטעלן אַז עס זאָל כסדר זיין גרייט צו טרונקן סיי נאַטורליכע וואַסער און סיי

זיסע וואַסער. צענדליגער טויזנטער גלעזלעך געטראַנקען גייען אויס במשך די ימי החג לשביעות רצון הציבור. די הנהלת הקהלה לאָזט זיך קאָסטן און שטעלט צו נאָנט צו הונדערט באַקסעס קאָפּס (אין יעדע באַקס איז דאָ אריבער טויזנט קאָפּס!) אַז עס זאָל אַלץ זיין גענוג. דורכדעם דעם גאַנצן יום טוב זענען די עסקנים פאַרנומען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אָנצופילן די גרויסע טאַנקן להחיות בהם נפש כל חי.

עקסטערע גרייט מען אָן אויף יום טוב טויזנטער פלעשלעך וואַסער, וואָס ווערט פאַרטיילט ביי די הקפות פאַר'ן אויסגעשוויצטן ציבור.

דאָס איז משקאות, און דאָס זעלבע איז מיט מזונות.ביידע טעג יום טוב, שמיני עצרת און שמחת תורה גלייך נאָך שחרית ווערט אַהערגעשטעלט א ברייטער קידושא רבה מיט וואָס דער ציבור איז זיך ממש מחי'. קיין איין זאַך גייט נישט צופיס. עס קומט נישט פלוצים יום טוב אינדערפרי און עס איז דאָ. דאָס האָט מען פאַר דעם באַשטעלט, צוגעגרייט, אַוועקגעשטעלט פאַר יום טוב אויף עטליכע סטראַטעגישע פלעצער אַז מ'זאָל גלייך נאָכן דאַווענען זיין גרייט דאָס צו פאַרטיילן פאַר'ן גאַנצן ציבור אויפאַמאָל, און אַזוי נאָך. און דאָס זעלבע איז מיט די אַנדערע פּראָיעקטן ווי די משקאות וכדומה. דאָס אַלעס איז אויסגערעכנט פון פאָראויס מיט די חשוב'ע עסקנים וואָס לייגן אַריין דערין אַסאַך כוחות און די קהלה לאָזט זיך קאָסטן אַסאַך געלט אַז אַלעס זאָל זיין צוגעשטעלט על צד היותר טוב.

**עורך: האַלט מען שוין ביי נאָך עטליכע פּראָיעקטן... און דערווייל האָמיר נאָך ניטאַמאָל אָנגעהויבן צו רעדן פונעם ביהמ"ד בעצם...**

**ר"י:** אמת. איך קען נאך ביזן ביהמ"ד אַליינס אויסרעכענען פאַרשידענע פּראָיעקטן. למשל אַרום דעם ביהמ"ד. דער עולם ווייסט עס מסתמא נישט, ווייל מ'כאַפּט זיך אַליינס נישט וויפיל כוחות עס ווערט אַריינגעלייגט אין שמירת גדרי הצניעות. איך מיין אַז מ'דאַרף קיינעם נישט דערציילן - און אפשר דאַרף מען עס גאָר יאָ ארויסברענגען, ווייל עס קוקט שוין אויס אַזוי נאַטורליך - אַז דורכאויס די גאַנצע דריי טעג, אָנגעהויבן פון הושענא רבה פאַרנאַכטס ביז אסרו חג אינדערפרי גייען די נשים בכלל נישט דורך די גאַנצע הופּער סט. גאַס.

גאָרנישט קומט נישט פון זיך אַליינס. אויף דעם אַליינס זיצן עסקנים און געבן זיך אָפּ צו פאַרזיכערן אַז דער גאַנצער שטח אַרום איז הייליג און ריין. עס ווערט צוגעשטעלט גרויסע טאָוולען, און עקסטערע משגיחים וואָס שטייען על המשמר אויף ביידע עקן גאַסן, סיי אַכט צו געבן אַז די פרויען זאָלן זיך נאר דרייען דאָרט וואו עס איז פאַר זיי ערלויבט, און סיי אַז אויף פאַרשידענע מקומות זאָלן זיך "נישט" דרייען די וואָס דאַרפן זיך נישט דאָרט דרייען. די קהלה דינגט אויף יום טוב ספּעציעלע גרויסע באלייכטונגען וואָס מאַכט ליכטיג דעם גאַנצן אַרום, אַזוי אַרום צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת די שמירת גדרי הצניעות.

**עורך: וואָס נאָך למשל איז דאָ פּראָיעקטן וואָס ווערט אַהערגעשטעלט וואָס האָט נישט דייקא מיט די תפלות און הקפות אין ביהמ"ד?**

**ר"י:** ס'איז דאָ גענוג... איך וועל אויסרעכענען געציילטע. למשל די קינדער-הקפות. אַסאַך האָבן עס שוין מיטגעהאַלטן און א גרויסער עולם זיכער נישט. זייער אַסאַך מאַכן דאָך דעמאָלט די "שנעלע הקפות" וואָס איז למעשה א פּראָיעקט פאַר זיך... אקעי לאָמיר זיך האַלטן ביי איין זאַך. יעדעס יאָר מיטל-נאַכט, דאָס הייסט ליל שמחת תורה ווערט געפראַוועט עקסטערע הקפות פאַר די קליינע תשב"ר, וואָס א שיינער ציבור האַלט דאָס מיט. די הקפות ווערן אָנגעפירט דורך חשוב'ע בעלי מחנכים פון דאָהי און פון אַנדערע מקומות. אַנדערע עסקנים געבן זיך אָפּ צו פאַרזיכערן אַז די קינדער פון יעדן עלטער קענען מיטהאַלטן די אייגענאַרטיגע הקפות. מ'זינגט מיט זיי ספּעציעלע ניגונים וואָס ברענגט א געפיל צו די הייליגע תורה. מ'טיילט פאַר די קינדער ספּעציעלע מתתקים און מתנות.

דאָס אַלעס ווערט נישט באַשאַפן פלוצים אין ביהמ"ד. דאָס אַלעס איז שוין אָנגעגרייט פון פאַר יום טוב, מ'האָט דאָס מסדר געווען מיט עסקנים, פלאַנירט פון פאָראויס, און... אַלעס איינגעקויפט מיט אַסאַך געלט...

איך זאָג דיר אַז צו פאַרשטיין פאַרוואָס עס לוינט זיך אויסצוגעבן געלט און פאַרוואָס מ'לייגט אַריין אַזויפיל מיה און האָראָוואַניע אין די קינדער-הקפות דאַרף מען דאָס אַליינס



בילד בשעת'ן צונעמען די הויכשטאקיגע פארענטשעס און רייניגן דעם היכל הביהמ"ד נאך איינע פון די מאורעות בחצרות קדשינו



Cong. Yetev Lev
D'Satmar

קהל יטב לב
ד'סאטמאר

163 Rodney Street • Brooklyn NY 11211 • Tel. (718) 302-6720 • Fax: (718) 486-2473

בס"ד

מודעה משמחת

מיר ווילן מודיע זיין פאר די אלפי אנשי שלומינו וועלכע קומען וויילן אויף יו"ט שמחת תורה בקרב קהילתינו הקדושה אין ווי"ב בצל הקודש פון

כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

אז ווי אין די פארגאנגענע יארן האבן מיר אויפגענומען א שטאב עסקנים וועלכע וועלן זיך אפגעבן צוצושטעלן אש"ל און דירות ארויסצודינגען אויף צווייטע טעג יו"ט

די ליסטעס פון די דירות ווערן כסדר געאפדעיט

אויף קול סאטמאר טעלעפאן ליניע

212-444-9899

דריקט אריין עקסטענשאן נומער 93

גלייכצייטיג בעטן מיר פאר די אלע וועלכע האבן ארויסצודינגען דירות פאר די אנגעגעבענע מינימאלע פרייזן אדער האבן פלאץ פאר געסט זאלן ביטע איבערלאסן א מעסעדש פאר די עסקנים אויף קול סאטמאר עקסטענשאן נומער 931

נ.ב. צו הערן די מאקסומים פרייזן וואס מקען בעטן פאר א דירה הערט אויף קול סאטמאר עקסטענשאן 937

ווי אויך וועט אי"ה זיין צוגעשטעלט אש"ל מלא דורך מוסדותינו הקדושים זעהט אין די באזונדערע אש"ל מודעות אדער הערט אויף קול סאטמאר עקסטענשאן 110 ביי די נייעס בצל הקודש

פאטאסטאט פון א מודעה פון קהל בנוגע אש"ל פאר די טויזענטער געסט מחוץ לעיר

מיטהאַלטן אַמאָל. ווער עס האָט עס שוין מיטגעהאַלטן ווייסט אַליינס אַז די אַרבעט לוינט זיך... ס'איז באמת אומבאַשרייבליך.

**עורך: איז אפשר גיי מיר צוריק. האָסט אָנגעהויבן עפּעס צו זאָגן וועגן די שנעלע הקפות, א פּראָיעקט פאַר זיך, וואָס האָסטו געמיינט צו זאָגן?**

**ר"י:** אָה, לאָמיר עס טאַקע אַביסל צולייגן. דער אמת איז, אַז ס'איז נישט נאָר די הקפות. ס'איז ווייטער די רעדע פון די גאַנצע דריי טעג, הושענא רבה, שמיני עצרת און שמחת תורה. אָנגעהויבן פון הושענא רבה ביינאַכט וואָס א גרויסער ציבור האַלט טאַקע מיט דאָס ליינען אין גרויסן ביהמ"ד, אָבער ס'איז אַלץ דאָ מענטשן וואָס דאַרפן ליינען אין אַנדערע זמנים, ווי געסט וואָס קומען אָן שפּעטער וכדומה. מטעם הנהלת הקהלה איז צוגעשטעלט נאָך א ריי מיט עקסטערע מנינים וואו מ'ליינט משנה תורה.

מ'איז מסדר אַז יעדע שטיק צייט זאָל מען נאָכאַמאָל אָנהייבן ליינען אין אַן אַנדערן שטובל, און כדי אַהערצושטעלן א געניטן סדר, דאַרף מען - ווי פאַרשטענדליך - אַזוי אַהערשטעלן אַז אין עטליכע שטובלעך זאָל מען ליינען צוויי מאָל, כדי יעדער זאָל קענען קומען מיטהאַלטן דאָס ליינען צו יעדע צייט. דאָס זעלבע איז מיט מניני תהלים וואָס איז צוגעשטעלט דורכאויס די גאַנצע נאַכט. דאָס אַלעס געדויערט צייט, כח און געלט אַהערצושטעלן על צד היותר טוב.

דאָס זעלבע, און נאָך אויף א גרעסערן פאַרנעם איז אום ליל שמחת תורה, ווען א גרעסערער ציבור פּראַוועט די קליינע הקפות, כדי צו קענען שפּעטער צוריקקומען מיטצוהאַלטן די גרויסע הקפות פון רבי'ן שליט"א. איז בתחלת הלילה צוגעשטעלט עקסטערע מנינים גבאים אין בעלי תפילות מיט א פונקטליכן סדר ווען מען שטעלט זיך אין יעדן שטובל, יעדע צען מינוט איז דאָ נאָך א מנין, און אַזוי האָט יעדער די געלעגנהייט מיטצוהאַלטן די הקפות, פראַווען די סעודה און דערנאָך מיטהאַלטן די גרויסע הקפות אין ביהמ"ד.

נאָך א זמן ווען עס איז צוגעשטעלט נאָכאַנאַנדע מנינים איז שמחת תורה אינדערפרי, וואָס נישט יעדער האָט די מעגליכקייט צו קענען ענדיגן דאַווענען אַזוי



קהל יטב לב ד'סאטמאר
Cong. Yetev Lev D'Satmar
163 Rodney Street • Brooklyn NY 11211 • Tel. (718) 302-6720 • Fax: (718) 486-2473

בס"ד

## סדר הזמנים לימים הנוראים הבעל"ט (א)
### בצל קדשו של כ"ק רבינו הגה"ק שליט"א

### ראש השנה הבעל"ט

- **זמן כניסה** - אצל כ"ק מרן רבינו שליט"א, ביום א' אול"י ערב ראש השנה משעה 6:30 ואילך, בביתו נאוה קודש 152 היוז סט.
- **אמירת סליחות** - בערב ראש השנה ע"י כ"ק מרן רבינו שליט"א בשעה 5:00 בדיוק, בביהמ"ד הגדול.
- **המשמש יהי' בביהמ"ד ערב יו"ט משעה 1:00 עד שעה 3:00 אחצ"ה, לסדר ה'זיצן' בביהמ"ד להאורחים הנכבדים.**
- **זמן מנחה עריו"ט** - ¾ שעה אחר זמן הדלקה"נ.
- **אמירת לשנה טובה** - לכ"ק מרן רבינו שליט"א בליל ר"ה, יהי' אך ורק מצד דרומית מזרחית (קענט עוו.), - **"בלי שום יוצא מן הכלל"** - תחילת השורה מצד מערבית דרומית, ונא לציית להוראת הסדרנים.
- **עריכת השולחנות** - בלילי ראש השנה (ב' ימים) בבנין ביהמ"ד-בית הילמאן.
- **עלות השחר: 5:40**
- **אמירת תהלים** - בב' ימים דר"ה בשעה 6:15 באשמורת הבוקר.
- **זמן שחרית** - ביום א' דר"ה בשעה 8:00 בדיוק, ביום ב' דר"ה בשעה 8:15 בדיוק.
- **תקיעת שופר לנשים** - בערך בשעה 1:45 אחצ"ה, בבנין הת"ת החדש, כניסה מ'ווייט עוו.
- **בקשה מיוחדת להורים שיחי' להשגיח על הילדים, שלא יפריעו בביהמ"ד בשעת הדרשה של כ"ק מרן רבינו שליט"א קודם תקיעת שופר בב' ימים של ראש השנה.**

ויה"ר שנזכה להיכתב ולהיחתם בספרן של צדיקים לאלתר לחיים, ושיתקבל תפילתינו לרחמים ולרצון לפני אדון כל.

**הנהלת הקהלה**



קהל יטב לב ד'סאטמאר
Cong. Yetev Lev D'Satmar
163 Rodney Street • Brooklyn NY 11211 • Tel. (718) 302-6720 • Fax: (718) 486-2473

בס"ד

## סדר הזמנים לימים הנוראים הבעל"ט (ב)
### בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב ד'סאטמאר

### צום גדלי'

- **אמירת תהלים** - בשעה 5:15 אחצ"ה
- **מנחה** - בשעה 7:10
- **מעריב** - בשעה 7:37
- **צאה"כ** - בשעה 7:49

### שבת שובה

- **מנחה ערב שב"ק** - ¾ שעה אחר זמן הדלקה"נ
- **אמירת תהלים** - שב"ק בבוקר בשעה 7:15
- **זמן שחרית** - בשעה 9:30
- **אמירת תהלים** - שב"ק אחצ"ה בשעה 3:45
- **הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א ידרוש דרשת שבת שובה בשעה 5:30 אחצ"ה**
- בשעת הדרשה יתכנסו ילדי תשב"ר לאמירת תהלים תחת השגחת מלמדים חשובים

**זמן כניסה אצל כ"ק מרן רבינו שליט"א ביום א' פ' האזינו הבעל"ט משעה 6:30 ואילך בביתו נאוה קודש 152 היוז סט.**

ויה"ר שנזכה להיכתב ולהיחתם בספרן של צדיקים לאלתר לחיים, ושיתקבל תפילתינו לרחמים ולרצון לפני אדון כל

**הנהלת הקהלה**

שפעט, און טויזנטער אידן דאַווענען אָפּ אינדערפרי נאָך פאַר די הקפות. איז צוגעשטעלט אַן עקסטערן "סדר המנינים" וואָס הייבט זיך אָן אַכט אַזייגער אינדערפרי, און יעדע צוואָנציג מינוט שטעלט זיך נאָך א מנין וואו מ'הייבט אָן מה טובו, און מ'ענדיגט נאָך אנעים זמירות, אַריינגערעכנט שחרית, קורצע הקפות, פאַרקויפן די עליות - חתן תורה, בראשית, מפטיר - קריאת התורה, עולה זיין און מוסף.

א שטאַב מיט עסקנים שטייען גרייט אָנצואווייזן פאַר יעדן איינעם וואו מ'שטעלט זיך איצט דאַווענען, און די זעלבע עסקנים זעען אַז מ'זאָל זיך טאַקע שטעלן דאַווענען. מ'שיקט צו בעלי תפלות, מ'שאַפט בעלי קורא'ס און אַזוי נאָך. יעדער "מנין" איז נישט בלויז איין מנין... איבעראַל דאַווענען הונדערטער אידן צוזאַמען, און פון אַלע זייטן הערט זיך א קול תפלה וקול שירה וזמרה. דאָ טאַנצט הקפות, דערנעבן האַלט מען ביי "תתברך" און אויף א דריט פלאַץ האַלט מען אינמיטן חתן תורה...

גלייך ווי איין מנין האָט געענדיגט קומען די עסקנים אַריין, מ'רוימט אויף און מ'שטעלט עס צו אַז עס זיין גרייט אויפ'ן קומענדיגן מנין, און אַזוי לויפן די מנינים ווי אַ זייגערל.

**עורך: דאָס דאַווענען געדויערט דאָך אַביסל לענגער, וואו איז דאָ אַזויפיל פלאַץ אַלעס צוצושטעלן?**

**ר"י:** דאָס איז איינס פון די זאַכן וואָס מ'האָט אינזינען שוין וואָכן פאַר יום טוב. אויסער די שטובלעך אין ביהמ"ד הגדול, ווערט עקסטער צוגעשטעלט ספעציעלע שטובלעך. קודם די גרויסע סוכה אויף הופער סט. ווערט נאָך ביים בויען אַזוי אַהערגעשטעלט מיט א ספעציעל-שטאַרקן שלאַק אַז אויף די צווייטע טעג זאָל מען דאָס קענען נוצן פאַר נאָך א שטובל צום דאַווענען. דערצו ווערט אויפגעשטעלט א ספעציעלער שאַטער, וואָס איז אייגענטליך נאָך א חדר התפלה אויף די צווייטע טעג.

עקסטער איז היי-יאָר אָפּגעדינגן געוואָרן נאָך א שטח פון די פירמע "לעווי-און-פריינד פלעסטיק", וואָס מ'האָט איבערגענומען אויף יום טוב; די קהלה האָט זיך געלאָזט קאָסטן געלטער דאָס אפצודינגן, מ'האָט אַריינגעצויגן לעקטער, צוגעשטעלט טישן-בענק, בימה-און-ארון הקודש, ווענט און טירן אַז עס זאָל זיין נישט אָפען צו די גאַס, און אַזוי נאָך פעולות, אַלעס נאָר אַז דער ציבור זאָל האָבן נאָך צוויי שטובלעך וואו מ'זאָל קענען דאַווענען און טאַנצן די הקפות.

אַזוי זעט מען כסדר ווי די גאַנצע גאַס ווערט פאַרוואנדעלט אין איין גרויסער ביהמ"ד. דער קומט אין מקוה, דער כאַפט א קאַווע, און דער לויפט כאַפן דעם קומענדיגן מנין שחרית, אָבער עס ווירבעלט זיך אומאויפהערליך.

**עורך: אינטערעסאַנט כ'האָב אַלץ געמיינט אַז דאָס גאַנצע וואָס דאָס מסדר זיין די מנינים פאָדערן, איז בלויז א צעטיל אויף די וואַנט... כ'האָב נישט אין אַכט גענומען וויפיל כוחות און געלט עס איז אינוועסטירט אין די מנינים אַליינס.**

**עפעס האָסטו פריער דערמאַנט "עולה זיין" אין שמחת תורה. אויב כ'האָב נישט קיין טעות איז דאָס א פראָיעקט פאַר זיך. ניין?**

**ר"י:** יאָ אמת. א גאַנצע גרופע עסקנים געבן זיך ספעציעל אָפּ מיט דעם, נישט בלויז אָנגעהויבן פון שמחת תורה אינדערפרי, נאָר גאָר נאָך פיל פריער. נאָך סאַך פאַר יום טוב איז מען זיך משתדל אהערצוברענגען אין ביהמ"ד נאָך פילע ספרי תורה. מ'לאָזט זיך קאָסטן געלט צו ברענגען ספרי תורה פון קרית יואל און פון אַנדערע בתי מדרשים דאָהי אין וויליאַמסבורג, סיי כדי צו קענען מכבד זיין ביי די הקפות די פילע אנשי שם ופני קהלתינו הק', און עקסטער כדי צו קענען מסדר זיין דעם געניטן סדר פון עולה זיין לתורה.

ב"ה דאָס האָט זיך שוין אויך זייער גוט איינגעגעבן. אַז מ'קומט אַריין שמחת תורה אינדערפרי אין ביהמ"ד, זעט מען שורות שורות אידן וואָס גרייטן זיך עולה צו זיין לתורה. טויזנטער אידן קומען אָן אינדערפרי מקיים צו זיין דעם מנהג ישראל פון עולה זיין לתורה, סיי אַליינס און סיי די קינדער, און מ'כאַפט נישט וויפיל כוחות עס ליגט דערין.



עסקנים קהלתינו טיילן אויס די סעודות אינעם ספעציעלע קאך איינגעאָרדנט ביי גרעסערע מסיבות בית מדרשינו

קרוב צו צוואָנציג באלעמערס מיט ספרי תורה זענען היי-יאָר געשטאַנען גרייט אין היכל הביהמ"ד הגדול אַליינס, וואָס איז אויסער די פילע אַנדערע ספרי תורה וואָס האָבן זיך געפונען אין אַלע שטובלעך אַרום וואו מ'האָט געטאַנצן הקפות און געליינט קריאת התורה.

א שטאַב מיט עסקנים שטייען גרייט אנצואווייזן פאַר יעדן איינעם צו וועלכן באַלעמער צוצוגיין עולה זיין, אַזוי אַז אַרום יעדע ספר תורה זאָל זיך געפונען בערך די זעלבע צאָל מענטשן, אַז עס זאָל נישט ווערן קיין איבעריגער געדרענג ביי קיין איין באַלעמער, און אַזוי הערט מען אין די עטליכע שעה פון אָנהייבן עולה זיין ביז צום ענדיגט, אַריבער 10,000 ברכו'ס און ברכות לתורה, געמאַכט דורך אידן זקנים עם נערים פון יעדן עלטער.

פאַר די תשב"ר איז עקסטער צוגעגרייט באלעמערס וואו עולה צו זיין, און די טאַטעס שעפן נחת ווי די קינדער שטייען מיט די צעטלעך וואָס מ'האָט אַהיימגעברענגט פון חדר, און מאַכן די ברכות מיט אַזאַ מתיקות.

טראָץ וואָס מ'ענדיגט שפעט די הקפות שמחת תורה ביינאַכט, דאַווענען די עסקנים גאָר פרי, און גלייך נאָך זייער דאַווענען הייבן זיי אָן דעם עבודת היום, פון מסדר זיין און אָרגאַניזירן דעם סדר פון עולה זיין. מ'דאַרף דערצו צושטעלן בימה'ס, טליתים, בעלי קורא, גבאים וואָס רופן אויס וכדומה; עקסטער קאָנטראָלירן דעם ציבור וואו צו גיין; עקסטער מסדר זיין עליות פאַר כהנים, כדי נישט צו שטערן דעם גרויסן אָרדענונג, און עקסטער די עליות פון "כל הנערים" וואָס איז צוגעשטעלט כסדר יעדע פופצן מינוט נאָכאַמאָל, א. א. וו.

**עורך: הייסט אַז די עליות קאָסטן אויך געלט און צייט... האָמיר שוין גערעדט פון אַלעס אַרום און אונז האַלט מיר נאָך אַלץ ביי הושענא רבה נאָכמיטאָג... דער עולם גייט אַרויס אין די סוכה, און? מיט דעם ענדיגט זיך עס?**

**ר"י:** ווי-וואָס-ווען. ערשט דאַן הייבט זיך עס אָן. עס איז אומגלויבליך די כוחות וואָס מ'לייגט אַריין אין ביהמ"ד הגדול. איך האָב נישט קיין גענויע ציפערן, אָבער עס איז קלאָר אַז אין די בערך צוויי שעה, פון גלייך נאָכ'ן דאַווענען הושענא רבה נאָכמיטאָג, ביז בערך ביים זמן כניסת היום ווערט אַריינגעלייגט הונדערטער און הונדערטער שעות אַרבעט.

עס ווערט צוגעשטעלט א שטאַב מיט ערלים וואָס אַרבעטן מיט א פונקטליכן פלאַן, ממש ווי אין אַן אַרמיי. מ'הייבט אָן מיט'ן אַרויספירן די בענק פון ביהמ"ד. אין די זעלבע צייט זענען שוין דאָ פילע וואָס הייבן אָן אויפצורוימען דעם ביהמ"ד, פון די טויזנטער אַראָפגעפאַלענע הושענות-בלעטער, פאַרבליבענע לולבים, און סתם אַזוי ריינִיגן דאָס ביהמ"ד, צוזאַמצונעמען די ספרים וכדומה, בו בעת ווען אַן אַנדערע גרופע איז שוין פאַרנומען אַריינצוברענגען און אויפצושטעלן די הויכע פאַרענטשעס א. א. וו.

**עורך: די ערלים ווייסן אַליינס וואָס צו טון?**

**ר"י:** אה, פון וואו זאָלן זיי וויסן. דאָס איז שוין פונקטליך אויסגערעכנט דורך די עסקנים וואָס שטייען צו לימין הנהלת הקהלה. שוין לאַנג פאַר יום טוב זיצט מען, מ'אַרבעט אויס די פלענער, אַז ווען עס קומט די צייט ווערט אַלעס דורכגעפירט אין א קורצע צייט, אַלעס אַדאַנק דעם וואָס מ'האָט גרייט אַזאַ גרויסן שטאַב מיט עסקנים און להבדיל ערלים וואָס פאָלגן אויס זייערע אָנווייזונגען.

דערצו האָט מען אינזינען אָנצוגרייטן די בימה'ס אינמיטן ביהמ"ד, עמודים אויף מזרח זיין פאַר די תפלות, און אַזוי ווייטער. ווען דער עולם הייבט אָן אָנצוקומען אין ביהמ"ד, דערקענט מען פשוט נישט, אַז מיט בערך צוויי שעה צוריק האָט מען נאָך געהאַלטן אינמיטן דעם עבודת היום פון הושענא רבה. און דער ביהמ"ד ווערט אַהערגעשטעלט אין די זעלבע צייט וואָס אַנדערע עסקנים סערווירן די סעודה פאַר'ן ציבור, און אַריבער די גאַס גייען טויזנטער אידן אין מקוה לכבוד יום טוב, וואָס דאָס זענען באַזונדערע פראָיעקטן פאַר זיך.

און לאָמיר נישט פאַרגעסן. אין די זעלבע צייט שטייען די ערלים ווייטער גרייט אנצוגרייין דעם ביהמ"ד אין בנין חי"ל פאַר'ן טיש פירן פון

איר פארדינט איר גייט אריין כסדר אין הערליכע גורלות

# על פי הגורל

קהל פארדינט צו קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש טאג טעגליך!

## צאלט אויב אייער מעמבערשיפ התחייבות און געווינט!

ספעציעלע זריזין מקדימין גורלות

### ערשטע גורל א' בא

3 באזונדערע ווערטפולע גורלות (3 געווינערס)




### צווייטע גורל א' יתרו




קהל
יטב לב
ד'סאטמאר

# צאלט אויס אייער מעמבערשיפ ו

# 00

## איין געווינער פון:

קהל יטב לב ד'סאטמאר
נתייסדה ע"י רבינו הקדוש מהרי"ט זצוקללה"ה
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

**$250 ווערד אין יעדע ס**




ר' אברהם סאלינסקי נ"י
Buy & Save




ר' דוב מרדכי האפמאן נ"י
Hatzlucha Optical




ר' אברהם יעקב - אהרן יושע ראזענבוים נ"י
South Side Supermarket




ר' שלמה יעקב מערץ נ"י
Tile Depot




ר' מאיר יוסף סעגעדין נ"י
House & Home




One Man Band




ר' הערשל שווארטץ נ"י
Schwartz Grocey




ר' יעקב שלום טרעגער נ"י
What A Bargain




ר' יצחק-אברהם יודא ראזענבערג נ"י
Certified Lumber




ר' אלי' דוד גרינפעלד נ"י
718-384-2317




ר' יואל משה שטעסל נ"י
Discount Cellular




ר' אליעזר טעללער נ"י
Best Quality Computers




ר' יואל גאטליעב נ"י
ווינשטאק ספרים סטאר




ר' שמעי' שווארטץ נ"י
R2F Fitness




ר' מעכיל פריינד נ"י
Freunds Dry Good




ר' יצחק - גימפל וויינגארטען נ"י
Weingartens Fish




ר' יואל שווארטץ נ"י
718.388.1078




ר' נחמן פיש נ"י
High sTyle




ר' יושע בער סאמעט נ"י
Williamsburg Car Service - GoCar




ר' ישראל איצקאוויטש נ"י
I&R Shoes - On Rodney

# חבר אני לכל אשר יראוך

**און נעמט א חלק אין אלע פעולות**
**פון תורה ועבודה וגמ"ח שע"י קהילתינו הק'**

# באנוס

**די אלע וואס האבן א**
**וועלן אריין גיין נ**



התחייבות אין געווינט די ווערד פון
קהל
יטב לב
ד'סאטמאר
נתייסדה ע"י רבינו הגה"ק
מהרי"ט"ב זצוקללה"ה
בשנת תש"ח
בנשיאות
כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק
שליט"א
$10,0
פון די פאלגענדע געשעפטען
גראסערי
ר' מענדל פרענקל ני"ו
Frankels Kosher Market
דריי גוד
ר' יושע צבי פריינד ני"ו
F&F Dry Good
פיש
ר' יקותיאל אהרן רובין ני"ו
Lipa's Fish
גראסערי
ר' שמואל ראזענפעלד ני"ו
Rosenfelds Fruits
קאמפיוטער
ר' שרגא שפיטצער ני"ו
Computer Corner
פלאמבינג
ר' מאיר כהנא ני"ו
Plumbing
שיך
ר' משה ברוך שווארטץ ני"ו
Shoe Arcade
פארמאסי
PRESCRIPTIONS
ר' מרדכי רובין ני"ו
Corner Pharmacy
גראסערי
ר' משה אליעזר לאנדא ני"ו
Chestnut Supermarket
לאגעדזש
ר' מרדכי מיטטעלמאן ני"ו
ForTheGo
בדחן
ר' מרדכי דוד עסטרייכער ני"ו
646.331.0418
אפלייענס
ר' מנחם שרגא קלאגסבורין ני"ו
Roebling Applance
פרוכט
ר' משה יודא גאלדבערגער נ"ו
Goldberger Fruit & Vegetables
בעקעריי
ר' חיים יושע פאלקאוויטש ני"ו
Coffee Break
זילבער
ר' יוסף משה - יושע געלבשטיין ני"ו
Eastern Silver
פערניטשור
ר' יוסף לייב סאנדער ני"ו
Sanders Furniture
קיטשענס
ר' אהרן יונתן ראזענטאהל ני"ו
A&R Kitchens
דריי גוד
ר' משה שווארטץ ני"ו
Central Better Wear Dry Good
קעטערינג
ר' פנחס זעליג פערלמוטער ני"ו
Perlmutter's
טויס
ר' שלמה דוב איצקאוויטש ני"ו
Toys4U
ס גורל
$0 באלאנס ביי קהל
אך 2 מאל אין גורל
אל תפרוש מן הציבור
צאלט אויס אייער חלק שותפות צו פינאנצירן די
מולטי מיליאן דאלער'דיגע ווירטשאפט פון קהילתינו הק'



בס"ד
צאלט אויס אייער
מעמבערשיפ התחייבות און
געווינט אן אויסגעצאלטע
גאר ווערטפולע
קהלה פעקעדזש
1 געווינער
$250 אויף זיץ
אין איינע פון בתי מדרשינו
איין יאר פריי מעמבערשיפ
$250 אין איינע פון די
פלייש געשעפטן דקהלתינו הק'
פרייע זכור-ברית / קידוש
אין איינע פון בתי מדרשינו
$250 משקאות ביי איינע
פון די שמשים דקהלינו הק'
פרייע ערב פסח מצות
פונעם בית האופה דקהלתינו הק'
סעט ד' מינים
ביי איחוד התלמידים
$250
אין די מנוחה ושמחה זאלן
$250 מחנה רב טוב
$250 שכר לימוד במוסדותינו
15 פונט מצות פונעם
בית האופה דקהלתינו הק'
$250 נדו"נ אין איינע
פון בתי מדרשינו
$250 אין קרית ויואל משה
באנגעלאו קאלאני
איין יאר פריי מקוה אין
איינע פון בתי מדרשינו
יטב לב
ד'סאטמאר
א' תרומה
דריטע גורל

רבי'ן שליט"א, און נאָך עטליכע שעה איבעררייס זענען זיי ווייטער דאָ. גלייך נאָך די הקפות, יעדער איז אויסגעמוטשעט און אויסגעטאנצט. מ'וויל זיך וואָס פריער זען אינדערהיים, אָבער די עסקנים הייבן ערשט איצט אן זייערע עבודה.

דאָס דאַווענען שמיני עצרת אינדערפרי איז איינס פון די העכסטע תפלות אין ביהמ"ד הגדול. דער קול תפלה פון אַזויפיל טויזנטער אידן בליעה"ר זקנים עם נערים, און דאָס וואַרימע דאַווענען פון רבי'ן שליט"א, ובפרט ביי תפלת גשם, איז בוקע רקיעים. אַזוי אַז יעדער וויל קענען דאַווענען אין ביהמ"ד מיט הרחבת הדעת, און די קהלה פּראָבירט דאָס מערסטע וואָס איז שייך, אַז דער ביהמ"ד זאָל כאָטש זיין אַהערגעשטעלט אויפ'ן ימים נוראים'דיגן אויסשטעל, מיט דאָס מערסטע זיץ-פּלעצער וואָס איז שייך.

אין דעם אַליינס ווערט אַריינגעלייגט לכה"פ טויזנט שעה אַרבעט!

**עורך: טויזנט שעה? וואו איז דאָ אַזויפיל שעות?**

**ר"י:** פשוט ווען מ'זאָל צוזאמרעכענען וויפיל שעה יעדער פון די צענדליגער אַרבעטער לייגט אַריין, איז דאָס וויינצסטן 1,000 שעה! וואָס פאַר יעדע שעה דאַרף מען עקסטער באַצאָלן!

הייבט מען דעמאָלט אן פריש מסדר צו זיין דעם ביהמ"ד, ממש געגוי וואָס מ'האָט געטון פאַר די הקפות, נאָר פונקט פאַרקערט. די פאַרענטשעס ווערן אַרויסגעפירט און די בענק ווערן צוריק אַריינגעפירט. יעדעס באַנק ווערט אַראָפּגעשטעלט אויף איר באַשטימטן אָרט, כדי יעדער זאָל קענען טרעפן זיין פּלאַץ, און אַז די טויזנטער געסט זאָלן טרעפן זייערע זיץ אָדער שטיי-פּלעצער... דער ביהמ"ד ווערט צוגעגרייט כמעט ווי אויף ראש השנה... מיט איין אינטערשיד, אַז די זעלבע אַרבעט וואָס עס געדויערט עטליכע וואָכן צוצורישן דעם ביהמ"ד אויף די הייליגע טעג, געדויערט איצט בלויז געציילטע שעה... אַזוי אַז ווען דער ציבור קומט שמיני עצרת אינדערפרי צום דאַווענען, איז דער ביהמ"ד פולקאָם גרייט צום דאַווענען. פאַרשטייט זיך אַז דער שטאַב אַרבעטער איז פיל פיל גרעסער, וואָס קאָסט אָפּ גרויסע געלטער, ובפרט אַז מ'אַרבעט אין אַזעלכע אומגעוועגליכע שעות ווי שפעט ביינאַכט...

ס'איז באמת א שווערע אַרבעט, אָבער ווען מ'כאַפּט א בליק אויפ'ן ביהמ"ד בשעת ווען דער רבי שליט"א טרעט צו תפלת גשם, ווי דער ביהמ"ד איז מלא וגדוש; מ'שטייט ממש אינדרויסן אויף די גאַס ביי די פענסטער צו קענען מיטהאַלטן די געהויבענע תפלות פון רבי'ן שליט"א, מ'געט א טראַכט צוריק, אַז בערך א צוועלף שעה צוריק האָבן נאָך טויזנטער אידן געטאנצן אויפ'ן זעלבן פּלאַץ די הקפות אויף די הויכע פאַרענטשעס, גלייבט זיך נישט וואו מ'האַלט, און מ'זעט אַז עס האט זיך געלוינט אַהערצושטעלן די אַרבעט לשביעת רצון פונעם גאַנצן ציבור. דער עולם איז פיל מיט דאַנקבאַרע געפילן פאַר די געניטע אַרבעט.

**עורך: וואָס טוען די אַרבעטער אינמיטן, צווישן אנגרייטן דעם ביהמ"ד פאַר די הקפות, און צוריקשטעלן דעם ביהמ"ד צום דאַווענען?**

**ר"י:** נישט אַלע פון זיי זענען פול-טיים אַרבעטער. אָבער א גרעסערער שטאַב מיט אַרבעטער פאַרבלייבן דורכאויס די גאַנצע צייט, כסדר נאכצורימען אין ביהמ"ד זעלבסט און אויף די גאַס אינדרויסן די טויזנטער טויזנטער געלעזער קאַווע, קידוש מאַכן, פעקלעך, די קאָפּס אַרום דעם צרכי ציבור טראָק, און אַזוי ווייטער כדי אַז עס זאָל נישט געשטערט ווערן די אָרדענונג.

**עורך: און וואָס טוט זיך שמיני עצרת אינדערפרי נאָכ'ן דאַווענען?**

**ר"י:** הייבט זיך פריש אָן אַ מערכה. אין די צייט וואָס טייל עסקנים וואָס האָבן שוין פריער געאַרבעט אַריינצוברענגען דעם קידושא רבה גלייך נאָך שחרית, זענען איצט פאַרנומען מיט'ן פאַרטיילן דעם קידושא רבה אין די גרויסע סוכה - פון וואָס מ'האָט שוין פריער גערעדט - הייבן אָן אַנדערע עסקנים צו אַרבעטן אַהערצושטעלן דעם ביהמ"ד פאַר די ריקודין פון נאָכמיטאָג און ביינאַכט. ווידעראַמאָל חזר'ט זיך איבער דאָס זעלבע בילד. דער ריזיגער ציבור לאָזט איבער א געהעריגן ביהמ"ד אויסגעשטאַט מיט טישן-און-בענק, אָנגעלייגט מיט סידורים און ספרי קודש, און ווען מ'קומט צוריק נאָכמיטאָג טרעפט מען א פולקאָם-אַנדערער ביהמ"ד אויסגעשטעלט מיט הויכע פאַרענטשעס, גרייט אויף די ריקודין.

**עורך: וואָס פאַרא ריקודין? הקפות?**

**ר"י:** די הקפות אויך, אָבער פאַר דעם זענען דאָ די אַנדערע ריקודין. ווען דער רבי שליט"א קומט אַרויס פון די סוכה טאנצענדיגערהייט כמנהג רבוה"ק, קומט ער גלייך אַריין אין ביהמ"ד וואו דער רבי שליט"א טאַנצט אַרום מיט גרויס התרגשות, בעת דער ציבור האַלט מיט פון אַלע זייטן מיט א געוואַלדיגן שמחה.

אשרי עין ראתה, ווי דער גרויסער ביהמ"ד ווערט בליץ שנעל איבערגעפילט עד אפס מקום, און רבינו שליט"א קומט אַריין אין ביהמ"ד, אַרויסגייענדיג פון די סוכה אָנגעלאַנט על כתפיהם פון הרבנים הגאונים שליט"א כנהוג, און דערביי טאַנצט ער אַרום דעם ביהמ"ד, בעת דער ציבור אויף די פאַרענטשעס טאַנצט מיט גרויס התרגשות של שמחת און התלהבות. דאָס איז דער ריכטיגער פרידה פון די סוכה מתוך שמחה, און מ'נעמט מיט פון די סוכה א סל מלא מיט כל מיני השפעות טובות.

דאָס אַלעס געדויערט הונדערטער שעות אַהערצושטעלן דעם ביהמ"ד, אויסצולייזיגן דעם ביהמ"ד פון די טישן-בענק, און צוריק אויפּטשלען די הויכע פאַרענטשעס, און טאַקע נאָך אין די זעלבע צייט וואָס דער ביהמ"ד ווערט צוגעגרייט צו די ריקודין איז נאָך אויך דאָ א שווערע אַרבעט אַהערצושטעלן די סוכה הגדולה, אַרומצונעמען די סוכה מיט וואָס מערע פאַרענטשעס, און אריינצשטופן וואָס מער טישן-און-בענק, כדי צו געבן פאַר וואָס א גרעסערן ציבור מיטצוהאַלטן דעם מעמד. און ערשט מאַכט זיך אַלץ אַז א גרויסער ציבור האָט נישט קיין פּלאַץ אַריינצוקומען אין די גרויסע סוכה, איז שוין דאָ א גרויסער עולם וואָס וואַרט שוין אָפּ דעם רבי'ן שליט"א גלייך צו די ריקודין אין ביהמ"ד.

**עורך: הייסט אַז נאָכדעם וואָס דער רבי פאַרלאָזט דעם ביהמ"ד נאָך די ריקודין איז דער ביהמ"ד שוין גרייט אויף די הקפות פון ביינאַכט?**

**ר"י:** ניין, מ'פּראַוועט דאָך נאָך די קינדער-הקפות, וואָס ווערט געפּראַוועט אין די זעלבע צייט וואָס עס גייען אָן די נאָכאַנאַנדע מנינים אויף די קלענערע הקפות ווי שוין דערמאַנט, און ערשט נאָכדעם וואָס די קינדער ענדיגן די הקפות קומען ווידער אַריין א שטאַב מיט אַרבעטער אויפצורוימען דאָס ביהמ"ד כראוי וכיאות צו זיין גרייט אויף ווען דער רבי שליט"א קומט אַריין כחצות הלילה, אָנצוהייבן די עבודת הקפות פון די הייליגע נאַכט, ווען דערביי איז ער עטליכע מאָל משמיע דברות קודש באש להבת שלהבת, וואס ווערט געשלונגען מיט דורשט


קהל יטב לב ד'סאטמאר

# בענעפיטן
## פון אויסגעצאלטע מעמבער'ס

**פאר אייער אייגענע אינטרעסע צאלט וואס פריער אויס אייער דיוס-התחייבות.**

**אן אויסגעצאלטער מעמבער:**

- האט אלע רעכטן בתוככי קהלתינו הק׳.
- איז א שותף אין די טויזענטער שעות תורה עבודה און גמילות חסדים וואס גייט ארויס פון די בתי מדרשים.
- האט א זכות אחוזת קרקע אינעם ביה"ח שע"י קהלתינו הק׳ אין ניו דשורזי.
- באקומט א 10% הנחה ביים איינקויפן אין די מהודר׳דיגע פלייש געשעפט פון די קהלה.
- באקומט א זכות אין די גורלות וואס ווערט פראקלאמירט.
- האט די מעגליכקייט איינצוקויפן "ערב פסח מצות" פן די מוהדר׳דיגע מצה בעקעריי שע"י קהלתינו הק׳.
- האט א זכות איינצוקויפן קרקע אינעם ביה"ח שע"י קהלתינו הק׳ אין קרית יואל.
- האט דין קדימה ביים דינגן זיצן אין בית מדרשינו הגדול .
- פראוועט אייער שמחה אומזיסט בבית מדרשינו הגדול.






דורך אלפי אנ"ש.

דאָס זעלבע איז אין די פאַרטאָגס שטונדן ווען דער ציבור פאַרלאָזט דעם ביהמ"ד נאָך די הקפות, שטייען ווייטער גרייט א שטאַב מיט אַרבעטער אויפצורוימען דעם ביהמ"ד, און ווידער איז מען נאָך אַלץ נישט פאַרטיג... גלייך נאָכ'ן דאַווענען שחרית שמחת תורה אינדערפרי, באַמערקט מען ניטאַמאָל ווי עס שפּאַצירט אַריין א מחנה מיט מיטאַרבעטער, וואָס שטעלן צוריק דעם ביהמ"ד צו די הקפות. דער ביהמ"ד וואָס איז ביצט געווען מוקדש פאַר די עליות לתורה, ווערט איצט אויסגעליידיגט. מ'טראָגט אַרויס די באלעמערס, שולחנות, באַריקאַדן וואס האט געהאלטען די ארדענונג אויף די פולע שורות צום עולה זיין, די וואָס האָבן נאָכנישט עולה געווען, ווערן אַריבערגעשיקט צום בנין חי"ל, וואו דער איבריגע ציבור איז ממשיך עולה צו זיין, און דער ביהמ"ד הגדול פאנגט זיך אן צוגרייטן אויף די הקפות.

גלייך דערנאָך רוימט מען אויף דעם ביהמ"ד פונעם קידושא רבה, וואָס איז באמת א שווערע אַרבעט, אויפצורוימען אונטער די פיס פון טויזנטער מענטשן, אָבער מ'לייגט אַריין כוחות און ביז א קורצע צייט ווען דער רבי שליט"א קומט אַריין אין ביהמ"ד איז שוין אַלעס גרייט, אַלעס אַדאַנק די געניטע אַרבעט און שווערע כוחות וואָס איז אַריינגעלייגט דערין.

גלייך נאָך די הקפות פון שמחת תורה אינדערפרי, שטייט ווידער גרייט די גרויסע מחנה פון ערלים וואָס הייבן אן צוצוגרייטן דעם ביהמ"ד פאַר'ן עריכת השולחן פון "נעילת החג". ווידעראַמאָל איז דער ביהמ"ד פושט צורה ולובש צורה חדשה. עס באַקומט א גאַנץ אַן אַנדערן אויסזען, וואָס ווען עס זאָל קומען איינער פון דער פרעמד, וואָלט ער געווען זיכער אַז דער גאַנצער שטאַב מיט ערלים אַרבעטן שוין זינט די פאַרמיטאָג שעות אַזוי אויסצושטעלן דעם ביהמ"ד... עס איז טאַקע אַזוי. מ'לייגט טאַקע אַריין אַזויפיל שעות, נאָר מ'אַרבעט מיט אַזאַ גרויסן שטאַב ערלים וואָס ברענגט דערצו אַז מ'קען עס אַזוי שנעל אַהערשטעלן.

היי יאָר האָט מען ספעציעל אָנגעזען די געניטע אַרבעט, ווען אין די קורצע צייט נאָך די הקפות פון שמחת תורה אינדערפרי וואָס האָט זיך געענדיגט גאָר נאָנט צום זמן כניסת השבת, ביז ווען דער עולם איז צוריקגעקומען אין ביהמ"ד צו מנחה וקבלת שבת, איז דער ביהמ"ד שוין געווען כמעט גענצליך צוריקגעשטעלט אויפ'ן פלאַץ. אין די צייט וואָס יעדער איז געווען פאַריאָגט, צו עסן די סעודה און כאַפּן א מקוה, האָבן די עסקנים און געהילפן פלייסיג געאַרבעט, אַזוי אַז ווען דער רבי שליט"א איז אַריינגעקומען צו תפלת המנחה איז שוין אַלעס געווען על מכונו, ווען אין די זעלבע צייט האָט מען נאָך אויך געדאַרפט אנגרייטן אין בנין חי"ל דעם עריכת השולחן וואָס דער רבי שליט"א האָט געפראַוועט פרייטאָג-צו-נאַכטס.

**עורך:** איך האַלט שוין נישט קיין חשבון, אָבער איך זעה אַז ביז אַהער האָסטו שוין אויסגערעכענט צענדליגער פראָיעקטן... אַזויפיל חידושים וואָס מ'הערט דאָ, וויפיל געלט מ'לאָזט זיך קאָסטן, און וויפיל אַרבעט מ'לייגט אַריינס'איז מיר קיינמאָל נישט געקענט אויפ'ן געדאַנק וויפיל דאָס קאָסט אָפּ צוצושטעלן פאַר'ן גאַנצן ציבור.

**ר"י:** און ערשט האָב איך נאָכנישט אַלעס אויסגערעכענט. קודם ענדיגט זיך עס נישט מיט'ן נעילת החג טיש... דער טיש נעמט טאַקע עטליכע שעה, אָבער דער יום טוב איז נאָכנישט פאַרטיג מיט דעם. דאַן קומט דאָס באַגלייטן וואָס איז אַן עקסטערע איבערלעבעניש וואָס ווערט צוגעגרייט מיט אַלע געברויכן, ווי אויסשטעלן דאָס פלאַץ, פאַרזיכערן די גדרי הצניעות, צוצושטעלן "מייקס" אַז דער גאַנצער ציבור וואָס איז אויסגעשפרייט אויף עטליכע גאַסן בליעה"ר, זאָלן קענען הערן די דברי ברכות און דברות קודש וואָס דער רבי שליט"א איז משמיע מיט קורצע דברי הדרכה ודברי חיזוק אויפ'ן קומענדיגן ווינטער. און דאָס זעלבע ווערט צוגעשטעלט מויזקאנטן, זינגערס, און אַלעס אַרום וואָס איז אַן עקסטערע עבודה פאַר זיך.

און דערצו קומט צו נאָך אַסאַך זאַכן וואָס כ'האָב כמובן אויסגעלאָזט. איך דערמאַן מיך איצט. פון דעם נייעם "סידור" וואָס איז היי-יאָר ערשינען האָב איך נאָך בכלל נישט גערעדט. קהל האָט אַרויסגעגעבן א ספעציעלן סידור אויף די דריי טעג הו"ר, שמיני עצרת און שמחת תורה פון וואָס "יעדער ממש" האָט הנאה געהאַט. מ'האָט אַלץ גלייך געטראָפן א סידור צו די האַנט, און מ'האָט אַלץ געדאַווענט דערין. דאָס אַליינס האָט אָפּגעקאָסט שווערע טויזנטער דאָלאַרן.

אַזוי קען מען רעדן און דערציילן, וואָס פון דאָס ביסל וואָס מ'האָמיר שוין געשמועסט קען מען זען ווי אַלעס איז פאַרבינדן מיט פרטים און פרטי-פרטים לאין שיעור. למשל פון די מקוה האָמיר נאָך בכלל נישט גערעדט. יעדער וואָס באַנוצט זיך דורכאויס די טעג מיט די מקוה זעט אַז די מקוה איז צו קליין, דאָס איז א גאַנץ יאָר אויך, אָבער איבערהויפּט אין די טעג ווען עס קומט צו פאָרן אַזאַ ריזיגער ציבור בליעה"ר. מ'גרייט ספעציעל צו נאָך צענדליגער טויזנטער האַנטוכער וואָס זאָל זיין גענוג פאַר'ן גאַנצן ציבור, און עקסטער זענען כסדר גרייט געהילפן אַהערצושטעלן די מקוה אויף לכה"פ אויף פינף מאָל זיך באַנוצן דורכאויס די דריי טעג, הושענא רבה אינדערפרי און נאָכמיטאָג, שמיני עצרת אינדערפרי, שמחת תורה ביינאַכט פאַר די הקפות און שמחת תורה אינדערפרי. ובפרט היי-יאָר ווען עס איז נאָך געווען א שבת אויך, איז צוגעקומען נאָך צוויי מאָל וואָס מ'גייט אין מקוה.

**עורך: דער שמועס האָט זיך אונז פאַרצויגן פיל לענגער ווי געראָכטן. איך הייב אָן צו כאַפּן אַביסל וואָס דאָ טוט זיך, און ווי שווער די הנהלת הקהלה אַרבעט לטובת שביעת רצון כל הציבור, און איך שטעל מיך פאר אַז דאָס זעלבע איז דאָ א גאַנץ יאָר. פאַרשידענע גרויסע פעולות וואָס די קהלה שטעלט צו, און דער ציבור כאַפּט זיך ניטאַמאָל וואָס דאָס קאָסט אַלס אָפּ.**

**ר"י:** טאַקע אַזוי, ס'איז אַזוי במשך דעם גאַנצן מעגל השנה, ווי סליחות ערב ראש השנה; דרשת שבת שובה אום צום גדלי'; אושפיזא דאהרן מיט'ן שמחת התנאים; צווייטע טעג יום טוב; חמשה עשר בשבט טיש; שבת חנוכה און צוויי טעג צינדן חנוכה ליכט אין ביהמד הגדול; גרויסער שושן פורים טיש; גרויסער ל"ג בעומר טיש; חתונות ושמחת בית צדיקים; הכנסת ספר תורה; צענטראַלע דרשה חול המועד פסח און אַזוי ווייטער כהנה וכהנה רבות פאַרשידענע פעולות פון וואָס יעדער איינער איז נהנה בלי שום יוצא מן הכלל. איך האָב נאָר אָנגעצייגט אויף די דריי טעג א יאָר וואָס זענען אין סאַמע שפּיץ. אָבער ווירקליך קומט אויס יעדע שטיק צייט פאַר'ן גאַנצן ציבור זיך באַנוצן מיט'ן מיט'ן ביהמ"ד. און דאָס איז - ווי איך האָב שוין

(פאַרזעצונג אויף זייט 29)

## קהלות קדושות בישראל; מוחזקת הוא מאבותינו

דער איינפיר פון ארגאניזירטע קהלות איז באמת נישט קיין נייע. ווען רביה"ק זי"ע האט דאהי מייסד געווען זיין קהלה, איז דאס געווען אויפן יסוד פון די קהלות אין דער אלטער היים, וואס אויף דעם זעלבן דרך איז קהלתינו הק' געפירט געווארן אלע יארן ביז צום היינטיגן טאג.

אין דער אלטער היים האט יעדער איד בלי יוצא מן הכלל געהאט א שייכות צו די קהלה. סיי וואו מען האט נאר געוואוינט, האט מען געפילט פאר א פליכט צו זיין אנגעשלאסן אין די אפיציעלע קהלה אין די שטאט, וויסענדיג אז דורכדעם האט מען א כח זיך צו האלטן קעגן אלע נסיונות ופגעי הזמן.

שאל אביך ויגדך, ווי דער סיסטעם פון "קהלות" דאס האט געהאלטן אידישקייט אין אלע דורות. אדאנק וואס יעדער איינער איז געווען ארגאנאזירט אין איין קהלה, האבן די קהלות געהאט די מעגליכקייט צוצושטעלן פאר די בני הקהלה אלע רוחניות'דיגע געברויכן, און אזוי ארום האט אידישקייט געבליט לשם ולתפארת.

יעדע קהלה איז געווען צוזאמגעשטעלט דורכן כח פון א רבים, אבער די השפעה דערפון איז אנגעקומען צו יעדן יחיד פריוואט. יעדער יחיד וואס איז געווען א מיטגליד אין די קהלה האט גענאסן פון די השפעה וואס דער כח הציבור האט אויף אים משפיע געווען.

## דער חורבן וואס האט חרוב געמאכט די אמאליגע אידישע קהלות

די וועלט איז באטראפן געווארן פון א ביטערער רשע ימ"ש. דער עיקר חורבן וואס ער האט אנגעזייט איז געווען דאס אומברענגען אריבער זעקס מיליאן קדושים, הי"ד, אבער גלייכצייטיג האט ער חרוב געמאכט דעם שפרודלדיגן אידישן לעבנסשטייגער וועלכע זענען געווען אנגעשלאסן אין די הונדערטער קהלות קדושות בישראל איבער די לענג און ברייט פון גאנץ אייראפע.

נאכן גרויסן חורבן אייראפע ווען עס איז כמעט אוממעגליך געווען פאר אידן צו פארבלייבן אויף דער דער בלוט-פארפלעקטער באדן פון אייראפע, האבן אידן זיך צושפרייט בארבע פינות העולם, אבער רוב מנין ובנין פונעם ביז דאן אייראפאישער אידענטום איז פריער אדער שפעטער אנגעקומען קיין אמעריקע, און זיך באזעצט אין די הויפט אידישע שטאט "ניו יארק".




**קהלתינו הק' האט זוכה געווען אז אונטער אירע פליגלען שיצן זיך טויזענטער חברי הקהלה, זקנים עם נערים, וועלכע גייען אלע אינעם דרך וואס דער מייסד הקהלה מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט איינגעפירט אלס יסוד מוסד, אז יעדער דארף געהערן און האבן א שייכות צו די קהלה, וועלכע איז בעזהשי"ת די גאראנטי אז מען זיך קענען דערהאלטן אויף ביז משיח'ס טאג, וואס דאס איז געווען איינס פון די גרעסטע יסודות וואס דער רבי זי"ע האט געצילט מיט'ן גרינדן די קהילה, אז דאס זאל זיין א כח המאחד פון די ערליכע אידן וואס איז באשיצט פון אלע בייזע ווינטן פון די אמעריקאנע גאס, און דער נאמען "סאטמארער קהלה" איז טאקע געווארן א יסוד פון ערליכקייט און אידישקייט אין אמעריקע, אין א בחינה פון "אבן שתיה" ווי די גמרא זאגט, אז פון דעם איז אנגעשעפט געווארן תורה, קדושה, טהרה, פאר די גאנצע וועלט. אין דעם פאלגענדן ארטיקל וועט איר לייענען אין קורצן די השתלשלות פון ווען רביה"ק האט מייסד געווען די קהילה, און וויאזוי קהילתינו הק' איז אנגעגאנגען במשך די אלע יארן און זוכה געווען צו דינען אלס חומה בצורה לתורה עבודה וגמילות חסדים פאר אלע חברי הקהילה לאורך ימים ושנים טובים עד ביאת הגואל במהרה.**

אמעריקע עם-ריקא! אזוי האבן צדיקים זיך אויסגעדרוקט אויף אמעריקע "עם ריקא" א ליידיג פאלק, און מיט רעכט. אמעריקע איז יארן לאנג געווען פוסט און ליידיג פון יעדעס ברעקל ערליכקייט און יראת שמים. פאר אן ערליכער איד איז גאר שווער אנגעקומען זיך צו דערהאלטן דאהי ביי ערליכער אידישקייט ווי אין דער אלטער היים.

## רביה"ק זי"ע איז מייסד די קהילה אין אמעריקע

אחד הי' אברהם. ראש השנה תש"ז איז מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע אנגעקומען קיין אמעריקע. דער רבי איז געווען ארומגענומען מיט גאר א קליינעם ציבור חסידים ותלמידים, אבער די ערשטע זאך וואס ער איז מייסד על אדמת ניו יארק, איז קהלתינו הק', אויף וואס ער איז קורא שם מיטן נאמען "קהל יטב לב דסאטמאר" וואס דער ציל דערפון איז קלאר, אז קהלתינו הק' זאל זיין א המשך פון די קהלות קדושות אין דער אלטער היים, וויסענדיג אז "דאס" איז דער גאראנטי צו קענען אראפשטעלן "סאטמאר" אין אמעריקע.

אין א דרשה וואס דער רבי זי"ע האט געזאגט פארן ציבור אין די בראשית יארן (מוצש"ק וישב תשי"ב) האט דער רבי זי"ע געזאגט צווישן אנדערן: "אין אונגארן איז די איסמילאציע געווען שרעקליך. דורכדעם וואס די ערליכע אידן האבן זיך אפגעטיילט פון די מתחדשים און מתפרשים, און האבן זיך ארגאנאזירט אין אייגענע קהלות צו שטיין פעלזן פעסט זיך נישט אויסצומישן מיט פרעמדע, איז אונגארן אויסגעשטיגן א לאנד פון תורה ויראת שמים. דאס זעלבע איז אין די מדינה (אמעריקע) איז נאך דא א האפענונג אז עס וועט דא בליען תורה ויראת שמים, אויב די אלע אידן וואס זענען געקומען אהער, וועלן זיך מחזק זיין נישט אפצונויגן ימין ושמאל מדרך אבותינו, און זיך מחזק זיין זיך צו האלטן צוזאמען אין איין קהלה, אפגעשיידט און אפגעטיילט זיך נישט אויסצומישן מיט די אנדערע סארט אידן און פונעם חינוך וואס איז דא איינגעפירט.

עס גייט נישט דורך מער ווי עטליכע יאר. די ארץ ישראל אידן האבן זיך געבעטן ביים רבי'ן זי"ע אז ער זאל צוריקקומען אהין וואוינען, דארט אנפירן מיט די מלחמה לה' בעמלק וואס דער רבי האט אויך דאן געפירט פונדערווייטענס בבחינת את בנציבין ומצודתך פרוסה על ירושלים. דער רבי זי"ע ענטפערט אבער א קאטאגרישן ניין, און אין א לענגערע תשובה מאהבה פאר די בני ירושלים ענטפערט דער רבי אז דער עיקר פארוואס ער קען נישט אוועקפארן איז ווייל ער קען נישט איבערלאזן די "קהלה" וואס ער האט אויפגעשטעלט אין ניו יארק, דורך וועלכע עס בויט זיך אידישקייט און ערליכקייט פאר בני קהלתו.

דער רבי זי"ע האט מייסד געווען די "קהלה" מיטן אור-אלטן כאראקטער ווי אין דער אלטער היים. אין ראם פון די קהלה האט דער רבי זי"ע אהערגעשטעלט אלע רוחניות'דיגע געברויכן פונעם ציבור, ווי "פלייש געשעפט" "מקוה טהרה" "מצה בעקעריי" צו יעדע שטיק צייט פארגרעסערט אדער געקויפט א נייעם ביהמ"ד, און אזוי צוגעשטעלט נאך וויכטיגע מוסדות און אינסטוציעס וואס אלס האט זיך אויסגעפעלט פארן תכלית הרוחני פון יעדן יחיד.

באזונדער איז מרן רביה"ק זי"ע מייסד די מוסדות הק', די תלמוד תורה, מיידל שולע ועל צבאם די ישיבה גדולה, וואס ברבות השנים האט זיך אלס מער און מער ארויסגעשטעלט, אז די מוסדות גייען סינאנים מיט די קהלה. דער בליה פון די מוסדות איז אלץ געגאנגען זייט ביי זייט מיטן וואוקס פון די קהלה קדושה.

די קהלה האט דער רבי זי"ע אויפגעבויט בעיקר פאר עדת חסידיו ותלמידיו, אבער אומדירעקט האט דאס גאנצע יהדות ניו יארק און זאגאר גאנץ אמעריקע נהנה געווען דערפון. דעם רבי'נס "קהלה" האט געענצליך געביטן דעם אויר אין אמעריקע. אנדערע קהלות האבן מיט די צייט אנגעהויבן זיך נעענטער צו שטעלן צו קהלתינו הק' מיט פארשידענע ענינים, און נאך ווייטער קהלות האבן זיך געמוזט צושטעלן צו די דערמאנטע, וואס אזוי ארום האט גאנץ אמעריקע געהאט א געוואלדיגע עלי' ברוחניות.



### מכתב קודש

מאת כ"ק רבינו הקוה"ט מרן בעל דברי יואל זי"ע

ובמעשים טובים כש"ת מוה"ר משולם פייש מאשקאוויטש נ"י ודברתי עמם מעניני קהילתכם דברים העומדים על הפרק והבנתי כי אתם צריכים חיזוק ותשומת לב, שתשימו כאו"א לבבכם להטות שכם אחד לישא בעול הקהלה כראוי למען כבוד השי"ת ותורתו הקדושה, והנה תלי"ת יש במקומכם קיבוץ נאה מבע"ב חשובים שומרי תורה ומצות ויראי ה' ובכחכם להיות קהלה נאה ומפוארה לשם ולתפארת, אבל דא עקא שחסר תשומת לב להתחבר ולהתאחד בעניני וצרכי הקהלה כאשר הי' במדינותינו, וגם עכשיו בכמה מקומות שנאספו שמה משארית הפליטה אשר השי"ת ברוב רחמיו הותיר לנו שריד ופליט להמשיך דרך התורה וגבול הקדושה, גם בעניני הכשרות שבמקולין אשר מלבד השגחת הרב אב"ד על זה, צריך להיות שני שובי"ם כאשר הוא מתקנת קדמונינו ז"ל בערך קהלה שכמותכם, ועוד הרבה ענינים הצריכים לקהילה קדושה בעירכם אשר א"א לפורטם על הכתב כי רבים המה, ובדרך כלל אתם צריכים להתעוררות שכאו"א יקבל עליו האחריות להיות חבר נאמן לישא עול בממון ובגוף ובלב ונפש לעשות יסוד חזק לחיזוק הקהילה לכל הדברים הנצרכים למען חיזוק התוה"ק, ואיש את רעהו יעזורו ואז בוודאי תצליחו להיות לשם ולתפארת לכבוד השי"ת והתוה"ק, ולא לחנם בחר השי"ת בשארית הפליטה לשלוח אותנו למקומות רחוקות ומפוזרות כי אם כדי לקבוע בכל אלה המקומות מקום תורה וקדושה כראוי כמו שאמרו חז"ל שכן יהי' טרם ביאת משיח צדקינו, ובזה נזכה לגאולה קרובה בב"א.

ע"כ אל יקל בעיניכם הדבר ויותר ממה שכתוב כאן יש בזה כי א"א לפרוט הכל על הכתב אבל די לחכימא, ואקוה שתשימו לבבכם לכל אלה הדברים, ויהי' השי"ת בעוזריכם שתשכילו ותצליחו במעשיכם ברוחניות ובגשמיות.

א"ד הדו"ש טובתכם והצלחתכם באה"ר כה"י, כו"ח למען כבוד השי"ת ותורתו הקדושה מחכה לישועה קרובה בב"א.

היום ג' לסדר כי ברוך הוא, התשכ"ו, פה ברוקלין יצ"ו.

הק' יואל טייטלבוים



### מכתב קודש

מאת כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע

משה טייטלבוים
אבדק"ק סאטמאר
ברוקלין, נ. י. יצ"ו

MOISHE TEITELBAUM
GRAND RABBI OF SATMAR
550 BEDFORD AVENUE
BROOKLYN, N.Y. 11211
(718) 384-0070

ב"ה

**אל מעלת כבוד בני קהלתינו הקדושה, שלומי אמוני ישראל, אנשי שלומינו היקרים, כל אחד בשמו יהולל ויבורך.**

בהיות שמשמיא קזכי לכון להמנות על בני קהלתינו הקדושה, שנתייסדה כיובל שנים ע"י מרן כק"ד זי"ע, נצר מטעיו מעשה ידיו להתפאר, וב"ה שגדלה והצליחה וגם עשתה פרי לטובה, ונתחברו אליה אלפי ישראל הולכים בדרך המסורה בלי שום שינוי, קביעין כן תהוין בהנהו חבורתא לעד.

**דבר שפתים אך למותר, להאריך בגודל החיוב המוטל על כל אנשי שלומינו, להיות חבר בקהילתינו הק'**, וביותר הדבר נחוץ מאוד בדורינו כאשר האמת נעדרת, ויראי חטא ימאסו, והנסיונות אורבים לנפשות ישראל בכל עבר ופנה, ולעת כזאת קהלתינו הקדושה היא להומת אש סביב להגין על כל הבאים לחסות בצלה, באשר יסודתה בקדושה ובטהרה ע"י כ"ק מרן דודי זי"ע שהציב אבן פנתה ובנה אותה על יסודות איתנים ותקנות גדולות וקבועות בעניני חינוך וקדושה וצניעות, ושלא לשנות זיז כל שהוא מדרכי אבותינו ורבותינו, ולעמוד כחומה בצורה נגד רוח הזמן ורעיונות הכפירה ולהתרחק כמטחוי קשת מהציונים והמסתפחים להם.

**ומה מאוד גדול ורבה זכותם של כל המתחברים בקהלת קודש זו, שעושים כל מה שבידם לחזקה, ומתנכים צאצאיהם על אדני התורה והיראה, וזוכים לראות זרע ברך ד' ההולכים בדרכי אבוה"ק.**

**ע"כ ברור שצריכים להיות חבר נאמן לישא עול בגוף ובממון ובלב ונפש לחיזוק הקהילה, ובפרט אשר כל אחד ואחד נהנה מפעולות הקהלה באופן מאד נעלה. ואין מזרזין אלא למזורזין, שכל חברי קהילתינו הק' יזדרזו לשלם מדי שנה בשנה הסכום הקצוב כאשר יושת עליו מטעם הקהלה ולא יגרע, כי בזה מקיים הפסוק חבר אני לכל אשר יראוך, להיות חבר בקהילתינו, קהלה נאה ומסודה.**

ובודאי זכות המצוה להגן על כל חברי קהילתינו שיתברכו בכל משאלות לבם לטובה, וכמ"ש במדרש שמואל על המשנה באבות וקנה לך חבר, "הכלל בזה שצריך האדם לבקש קהלה כשרה לדור עמהם, כי בזכותם ינצל מכל פגע רע". ויה"ר שיתקדש שם שמים על ידינו ונזכה לילך מחיל אל חיל בהרחבת גבולי התורה והקדושה, בדרכי אבותינו ורבותינו הקדושים, כאשר הורה לנו זקן בקיד זי"ע מייסד קהילתינו, ונזכה לכתיבה וחתימה טובה ולביאת גואל צדק, במהרה בימינו אמן.

**הייליגע ווערטער פון רבותינו הקדושים איבער דעם חיוב צו באצאלן די יערליכע התחייבות פאר קהילתינו הק'**




(פארזעצונג פון זייט 21)

## דער פארשפרייטונג פון די סאטמארער קהלות איבער די וועלט

דעם רבי׳נס קהלה אין וויליאמסבורג איז נישט געבליבן אליינס. אין אלע מקומות וואו דעם רבי׳נס חסידים האבן געוואוינט, זענען נתייסד געווארן סאטמארער קהלות, און וואו אימער אין ניו יארק און איבער דער גארער וועלט עס האבן געוואוינט סאטמארער חסידים, האט דער רבי זי״ע דאס ערשטע זאך געפאדערט פון זיי, אז מען זאל זיך ארגאנאזירן אין ראם פון אן אייגענע קהלה, זייענדיג דערין א יסוד פארן המשך היהדות.

סאטמארער קהלות זענען טאקע געגרינדעט געווארן אין בארא פארק, קרוינהייטס, איסטסייד, אין אויסלאנד, אין מאנטרעאל, לאנדאן, אנטווערפן און שפעטער אין מאנטשעסטער. אזוי אויך שפעטער אין מאנסי און נאך שפעטער אין קרית יואל, וואס איז אויסער דעם רבי׳נס קהלות אין ירושלים עיה״ק און אין בני ברק, וועלכע זענען אלע נתייסד געווארן מיט די זעלבע מטרה און ציל, אראפצושטעלן א יסודות׳דיגע חיות רוחני פאר די בני הקהלה.

דעם רבי׳נס קהלות אומעטום זענען טאקע אלע געווען א ״חומה בצורה״ פאר די פילצאליגע מיטגלידער. אדאנק דעם וואס מען איז געווען אנגעשלאסן אין די קהלות, האט מען געהאט די מעגליכקייט לוחם צו זיין קעגן די פארשידענארטיגע פירצות בחומות הדת וואס האט זיך כסדר געשאפן, און אדאנק די קהלות האט דער רבי זי״ע געהאט די מעגליכקייט לוחם צו זיין דעם מלחמה לה׳ בעמלק קעגן די קליפות הציונים וגוריררהם.

## די המשכת הקהילה לאחר הסתלקות רביה״ק זי״ע

ממשיך דרכו בקודש מרן רביה״ק בעל ברך משה זי״ע האט בימי כהונתו שטארק מחזק געווען דעם כח הקהלה, און ביי פארשידענע געלעגנהייטן ארויסגעברענגט דעם געוואלדיגן פליכט וואס עס ליגט אויף יעדן איינעם צו זיין אנגעשלאסן אין די קהלה. אין די גאנץ ערשטע יארן, ווען געוויסע קהלות אין ארה״ק האבן געוואלט פורץ זיין גדרן של ראשונים, האט דער רבי זצ״ל שטארק לוחם געווען דערקעגן, וואס איינס פון די שטארקע נימוקים וואס דער רבי זצ״ל האט דאן אנגעגעבן, איז כדי נישט צוצולאזן צו צוברעכן די ערליכע אור אלטע הייליגע ״קהלה״ אין ירושלים עיה״ק.

קהלתינו הק׳ האט זיך געפירט על מי מנוחות, און עס איז געווען אונזער שטערקסטע וואונטש אז דאס זאל שוין אזוי אנהאלטן עד ביאת הגואל. ליידער אבער איז עס נישט באשערט געווען. עס איז אונטערגעקומען די שווערע צייטן, ווען די יסודות פון קהלתינו הק׳ האבן זיך א וואקל געטון. ס׳האט אויסגעקוקט אז אלעס, די גאנצע הארעוואניע פון רבוה״ק זי״ע גייט ח״ו לאיבוד. בחסדי שמים מרובים, ובכחו וזכותו של אותו זקן האבן מיר דורכגעטראגן די שווערע צייטן, און קהלתינו הק׳ האט זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס נאך ביתר שאת ועז ווי ביז היינט.

חסדי ה׳ עלינו לטובה, קהלתינו הק׳ ווערט ב״ה געפירט אונטער א געהויבענע און תורה׳דיגע הנהגה פון כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א, וועלכער פירט די עדה הקדושה כדרך אבותיו הקדושה, און די קהלה בליהט און וואקסט אויף א זעלטן געהויבענעם פארנעם. פון אלע זייטן ווערן די גבולי הקדושה פארברייטערט ביתר שאת ועוז, און עס קומען כסדר צו פרישע פעולות און נייע איינריכטונגען אויף א פארנעם וואס קהלתינו הק׳ האט קיינמאל פריער נישט מיטגעהאלטן.

היינט צו טאגס ציילט אונזער קהלה טויזענטער און טויזענטער אנ״ש, יראים ושלמים, חסידים ואנשי מעשה, כולם אהובים וכולם ברורים. טויזענטער אנ״ש דאהי אין וויליאמסבורג, און נאך אזויפיל טויזענטער אויף אנדערע מקומות אין ניו יארק און איבער דער גארער וועלט, שפירן פאר א שטאלץ צו זיין א חלק אין אנזערע קהלה, א חלק אין מיה און הארעוואניע וואס רביה״ק זי״ע האט אראפגעלייגט על אדמת אמעריקע, מייסד צו זיין די ערשטע קהלות בישראל.

תלי״ת באשטייט אונזער קהלה הקדושה מסלתה ומשמנה וואס סאטמאר פארמאגט. בתוככי קהלתינו הק׳ זענען אנגעשלאסן די אלע אידן וואס האבן במשך השנים זיך מתחמם געווען לאורו פון רבי׳ן זי״ע בעל דברי יואל, און אין די יארן שפעטער לאורו פון מרן רביה״ק בעל ברך משה זי״ע, און צוזאמען זענען מיר זיך אצינד חוסה בצילו פון כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א.

## די געוואלדיגע פעולות לחיזוק הדת בתוככי קהילתינו הק׳

אדאנק דעם כח פון קהלתינו הק׳ ווערט כסדר אויפגעטון גדולות ונצורות לנו ולבנינו אחרינו. אין מלך בלא עם, און אדאנק דעם וואס אזויפיל טויזענטער אידן זענען מאוחד תחת דגלו פון קהלתינו הק׳ האט כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א די ברייטע מעגליכקייט דורכצופירן גרויסע פראיעקטן למען חיזוק הדת ויהדות, ווי כשרות הבשר, בגדי צניעות, הידורים במצות, התעלות בדרכי החינוך ועוד ועוד.

בכח הרבים פון קהלתינו הק׳ האט מרן רבינו הגה״ק שליט״א מייסד געווען די היינט-וועלט-בארימטע חבורה יסודי התורה, דורך וועלכע טויזענטער אנ״ש איבער די וועלט האבן שוין מסיים געווען הונדערטער בלעטער גמרא און גאנצע צוועלף מסכתות אין ש״ס, און בכלל איז גאר שטארק נתרומם געווארן דער כח התורה אויף אן אויסטערלישן פארנעם ווי קיינמאל פריער.

אויך אויפן געביט פון ״סור מרע״ טוט מען ב״ה אויף גרויסע זאכן. אויף די גאס בודזשעווען שרעקליכע ווינטן, און די טעכנעלאגיע פארלענדט ל״ע יעדעס פונק פון יראת שמים. מען דארף פארלייגן כוחות עצומות שלא יתן המשחית לבא אל תוך בתינו. מיט דעם וואס אזויפיל טויזענטער אידן זענען אנגעשלאסן אין די קהלה, איז דא די מעגליכקייט איינצופירן פארשידענע גדרים וסייגים קעגן דעם נגע ממארת פון אינטערנעט און אנדערע טעכנעלאגישע כלים, קעגן פארשידענע מאדעס וואס ערשיינען, און קעגן סיי וועלכע פירצה בחומת הדת וואס מאכט זיך מזמן לזמן.

והאמת עד לעצמו, מ׳דארף נישט מער ווי כאפן א בליק אויף די אלע וועלכע האבן זיך נישט צוגעשטעלט צו קיין קהלה, און אפילו די וואס זענען יא אפיציעל אונטער סיי וועלכע קהלה, אבער זענען נישט דערין מיטן פולסטן ערענסטקייט און משמעות, ווי אזוי מ׳קוקט ליידער אויס, און צו וואס מ׳קען אנקומען ל״ע. דאס אלעס איז דער קראנטסטער איבערצייג אז דער גאראנטי זיך צו קענען האלטן ערליך און אפגעהיטן בדרך המסורה לנו, איז דייקא נאר דורכן זיין אנגעשלאסן אין א געהעריג ארגאנאזירטע קהלה אונטער א תורה׳דיגע הנהגה.

יעדער יחיד וואס איז אנגעשלאסן אין די קהלה איז פאקטיש נהנה פונעם כח הרבים. אפגעזען פונעם פאקט, אז א ״רבים״ איז צוזאמגעשטעלט פון אסאך יחידים, און יעדער יחיד לייגט צו א געוויסן כח צום רבים, און וואס גרעסער דער כח הרבים איז, אלס מער איז מען בכח אויפצוטון לטובת הכלל והפרט, און אזוי איז יעדער יחיד פערזענליך נהנה פונעם זיין אנגעשלאסן אין די קהלה. אבער בפועל געניסט יעדער חבר הקהלה פון די אלע פעולות מיט וואס יעדער פערזענליך קען זיך פירן ערליך און אפגעהיטן כפי דרכו.

קהלתינו הק׳ איז עומד לנס פאר אונז אלע, און וועט אי״ה זיין א חומה בצורה פאר אונזערע קינדער און ווייטערדיגע דורות עד ביאת הגואל, אז זיי זאלן אויך האבן די מעגליכקייט בייצושטיין די גלי הנסיונות וואס מ׳מאכט ליידער מיט, און וואס וועט נאך אויפקומען ביז משיח׳ס טאג, השם ישמרינו מהם.

## מהיכן ירק זה חי?

זעלבסט פארשטענדליך אז אויפצוהאלטן אזא גרויסע אפאראט פון אקטיוויטעטן פאר אזא גרויסן ציבור בליעה״ר קאסט אפ סכומים אדירים, און יעדער בעל אחריות פארשטייט אז די אלע פעולות דארפן פינאנצירט ווערן דורך די חברי הקהילה וואס זענען נהנה דערפון מיד ולדורות.

נאך מיט אריבער זעכציג יאר צוריק ווען רביה״ק זי״ע האט מייסד געווען די קהלה, איז דאס געווען אדעתא דהכי, אז יעדער איינער מאנ״ש זאל האבן א חלק אין די קהלה, און באצאלן א יערליכער התחייבות דורך וועלכע די קהלה זאל זיך קענען אויסהאלטן, ווי עס איז געווען איינגעפירט אין דער אלטער היים. גאר באקאנט איז וואס דער רבי זי״ע האט אמאל געזאגט, אז צוליב דעם הייסט דאס קויפן א זיץ אין ביהמ״ד מיטן נאמען אז מען קויפט א שטאט, ווייל מיט דעם וואס מ׳נעמט דא אונטן א חלק אין די החזקת הקהלה, קויפט מען זיך איין גאנצע שטעט דארט אויבן.

פארן ווייטערדיגן עקזיסטענץ פון די קהלה איז קריטיש וויכטיג אז יעדער חבר הקהלה זאל נושא בעול זיין צוזאמען און מיטארבעטן שכם אחד פאר די הצלחה און התעלות פון קהלתינו הק׳, ובפרט אויסצוצאלן דעם מינימיטן דיוס אפצאל וואס ווערט פארלאנגט, וואס איז דער בריח התיכון פונעם פינאנציעלן עקזיסטענץ דורך וועלכע די קהלה קען אנגיין מיט אזויפיל פארצווייגטע אקטיוויטעטן.


גבאים ושמשים
דקהלתינו הק׳
בעזב״י וויליאמסבורג



קהל יטב לב דסאטמאר
נתייסדה ע״י כ״ק רבינו זי״ע בנשיאות כ״ק רבינו שליט״א
צענטראל אפיס
163 Rodney St. Brooklyn NY 11211
Tel. 718-302-6720 • Fax 718-486-2473
גזבר הקהלה ר׳ שלום אליעזר פראנקל נ״י עקס. 100

ביהמ״ד הגדול

גבאים
ר׳ חיים אליעזר גראס נ״י
ר׳ שמואל דוד מארקאוויטש נ״י
ר׳ דוד שמעון פראמאוויטש נ״י
ר׳ אברהם בער שפיטצער נ״י

שמשים
ר׳ שלמה ווערצבערגער נ״י
917-733-3391
ר׳ יואל קויפמאן נ״י
917-747-6535

מסדר מנינים ולנדב נר למאור
ר׳ מרדכי יונה ווידער נ״י
347-482-6151

מקוה איד
ר׳ שמואל אהרן ווייזער נ״י
917-531-9320

חברה משניות
גבאים: ר׳ יעקב הערש ניישטאדט נ״י
ר׳ זלמן לייב שעהנפעלד נ״י

פאבליק טעלעפאן
718-643-6397

בית המדרש דברי יואל העריסאן
**גבאים:** ר׳ בעריש סאנדער נ״י ר׳ שרגא יצחק ווייס נ״י
**משמש:** יואל ברי״ש פריעדמאן נ״י 347-457-0585

בית המדרש ישמח משה ראדליטש
**גבאים:** ר׳ שלמה יצחק אידליס נ״י ר׳ הלל מנשה מארמארשטיין נ״י
**משמש:** ר׳ ישראל יודא גוטמאן נ״י 347-262-8964

בית המדרש ברך משה סקילמאן
**גבאים:** ר׳ אברהם לעווי נ״י ר׳ אייזיק הירש נ״י
**משמש:** ר׳ דוד ווערטהיימער נ״י 347-268-8329

בית המדרש סאוט 8
**גבאי:** ר׳ יואל לעפקאוויטש נ״י
**משמש:** ר׳ ישראל דוד טייטלבוים נ״י 917-693-4986

בית המדרש איחוד התלמידים וואלאבוט
**גבאים:** ר׳ בעריש חיים וויינבערגער נ״י ר׳ יעקב שטערן נ״י
**משמש:** ר׳ משה בראך נ״י 718-614-3213

בית המדרש ויואל משה ראסס סט.
**גבאים:** הרב אברהם חיים מוטצען ר׳ אלימלך עקשטיין נ״י
**משמש:** ר׳ יואל עקשטיין נ״י 917-659-6650

## קול תורה הילכט אפ בבית מדרשינו הגדול מיט פרישע צענדליגע חברותות פאַר לימוד התורה נאך גרויסארטיגן "הרשמה לחברותא" קאָמפיין

(פארזעצונג פון זייט 3)

הק' האבן אינאיינעם מסיים געווען מס' פסחים ביים גרויסארטיגן סעודת הודאה כ"א כסלו העעל"ט, און מען האט תיכף ומיד אנגעהויבן מס' מגילה וואס וועט געלערנט ווערן דורכאויס דעם גאנצן ווינטער הבעל"ט.

אין ליכט פון דעם געלעגנהייט ווען מען האט אנגעהויבן א נייע מסכת, וואס דאס גיט א פרישע שטופ פאר אזעלכע וואס זענען בעבר ארויסגעפאלן אדער האבן זיך נישט געהעריג מסדר געווען מיט א חברותא, זיך צו קענען פריש אנשליסן אין דעם כח הרבים און זיך מיטכאפן מיט די נייע מסכת. האבן די עסקנים פון די "התאחדות אברכים" שע"י קהילתינו הק' באשטימט דעם "הרשמה לחברותא" קאמפיין אויף דעם פארגאנגענעם א' וישב העעל"ט, ווען פילע אנ"ש האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך איינצושרייבן פאר א חברותא לקביעות עתים לתורה.

דער נייער עסקן אינערהאלב דעם ביהמ"ד הגדול ר' שלמה צבי עקשטיין הי"ו האט זיך טאקע ארייגעווארפן מיט'ן גאנצן פלייס אין די עבודת הקודש, און ער איז מיטאמאל געווארן "עמוס בעבודה" מיט ליסטעס פון פרישע בעלי-בתים און אינגעלייט וועלכע האבן זיך געמאלדן נאך א חברותא צום לערנען, און בעז"ה האט ער שוין מצליח געווען צוזאמצושטעלן




א שיינע מספר פון חברותות וואס האבן זיך קובע געווען טעגליכע שיעורים אין היכל תהלות יהוסף בבנין חי"ל הילמאן, און ער ארבעט ווייטער גאר העפטיג צוניפצושטעלן נאך פאסיגע חברותות צו די צופרידנהייט פון יעדן יחיד.

די הרשמה לחברותה קאמפיין איז נישט נאר געצילט פאר די וועלכע פארמאגן נאך נישט קיין שיעור קבוע, נאר אויך די וועלכע פארמאגן שיעורים קבועים און האבן נאך די מעגליכקייט מוסיף צו זיין א שיעור צו סיי וועלכע צייט: אינדערפרי, פארמיטאג, נאכמיטאג, ביינאכט, ערב שב"ק, שבת קודש, אא"וו. וואס דער היכל הביהמ"ד שטייט ברייט אפן אויפצונעמען אלע לומדים אין סיי וועלכע שעה אין טאג.

דורכאויס די גאנצע וואך געפונט זיך ר' שלמה הערש בבית מדרשינו הגדול אינדערפרי און אויפדערנאכט ביים סדר הלימודים, וואו ער שטייט גרייט צו פארזיכערן אז יעדער אינגערמאן/בעה"ב איז באזארגט מיט א חברותא.

"חברים" כל ישראל.

## באזונדערע עסקנים אין אלע בתי מדרשים העלפן צו להגדיל תורה ולהאדירה מיט ספעציעלע געטריישאפט

(פארזעצונג פון זייט 3)

די אלע בתי מדרשים זענען פונעם ערשטן טאג וואס זיי זענען געגרינדעט געווארן באלד געווארן א צענטראל-פונקט פאר פולע שכנים וואס וואוינען אין יענעם געגנט, און דינט אלס א מקום קבוע פאר שיעורי תורה בקר וערב, ווי אויך די תפילות שב"ק גייען אן אויף אן הערליכן פארנעם, אזוי אז מ'קען זאגן אז די אלע בתי מדרשים האבן ב"ה שיין מצליח געווען אין אלע הינזיכטן, און ווערן געפירט אויפן שענסטן און בעסטן וועג מיט שיעורי תורה ווי עס פאסט זיך פאר אברכים תלמידי וחסידי סאטמאר.

## בית המדרש הגדול ווירבלט מיט שיעורי תורה במשך דעם גאנצן טאג

(פארזעצונג פון זייט 3)

אום 3:30 נאכמיטאג קומט פאר א שיעור אין הל' שבת דורך הרה"ג ר' מנחם צבי כהנא שליט"א דומ"ץ קארלסבורג וואו מען האט שוין אדורך געלערנט במשך הזמן פיל שיינע מקצועות אין שו"ע, און אין די וואכן ארום די ימים טובים לערנט מען די הלכות חג בחג על סדר השו"ע.

צווישן מנחה מעריב קומט פאר א טעגליכער שיעור משניות דורך הרה"ח ר' בערל גראס הי"ו, און אום 6:00 פארנאכטס קומט פאר דער שיעור משניות דורך דעם טשענסקאוויטצער רב שליט"א, וואו עס ווען דערמאנט די שמות הנעדרים ל"ע פון די חברה משניות שע"י קהילתינו הק'.

ווען עס קומט דער סדר הלימודים ביינאכט ווערט דער ביהמ"ד ווידער איבערגעפולט מיט לומדים וועלכע קומען אהיים נאך א שווערע טאג ארבעט און טרעפן זייער מקום מנוחה אין דעם היכל תהלות יהוסף וואו אלעס ווערט צוגעשטעלט אויפ'ן בעסטן פארנעם. יעדע נאכט קומען פאר עטליכע שיעורים ברבים, צווישן אנדערע דער גרויסער שיעור אין ראם פון חבורת יסודי התורה דורך הרה"ג ר' אפרים יצחק הילמאן שליט"א וועלכער איז באריםט מיט זיינע הערליכע שיעורים, ווי אויך עטליכע שיעורים על סדר הש"ס דורך הרה"ח ר' חיים פריעדמאן הי"ו און דורך הרה"ח ר' שמואל שמעלקא מיטטעלמאן הי"ו, אויך ווערט פארגעלערנט א שיעור אין הל' שבת דורך הרה"ג ר' יוסף אשר זילבערשטיין שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק' וואו עס ווערט דורכגעטון וויכטיגע הלכות וואס זענען נוגע למעשה.

גאר א שיינער שיעור ווערט פארגעלערנט ביי א קבוצה אברכים, דורך דורך הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א, דער שיעור איז פאר אינגע אינגעלייט וועלכע זענען אין די ערשטע טריט פון זייער פרנסה-לעבן, דער שיעור פון הג"ר מאיר שליט"א איז ברייט באקאנט אלס גאר שיינער שיעור פון וועלכן דער ציבור איז זיך מתבשם מנועם ציף אמריו, מיט בליציגע געדאנקען און הפלא'דיגע רעיונות, און די שיעורים זענען גאר שיין און ציענד.

אזוי ארום אז דער קול תורה פון שיעורים ברבים הילכט אפ פון די פארטאגס שעה'ן ביז שפעט אויפדערנאכט, וואו דער ציבור האט די געלעגנהייט קונה צו זיין חלקים אין אלע מקצועות התורה.

## סעריע פון וועכנטליכע "זונטאג שיעורים" אין בית המדרש הגדול ברענגט צונויף פילצאליגע מקשיבים און משתתפים

(פארזעצונג פון זייט 3)

מיט א זעלטענעם געשמאק, ווי אויך איז מען מקדיש א חלק פון דעם שיעור משמיע צו זיין דברי חיזוק והתעוררות בפרשת השבוע ובענינא דיומא.

אום 1:00 קומט פאר דער שיעור פון הרה"ג ר' אפרים יצחק הילמאן שליט"א, וועלכער לערנט פאר א שיעור כללי אין די שיעור השבוע פון חבורת יסודי התורה, דער חשוב'ער מגיד שיעור שליט"א איז באקאנט מיט די הערליכע שיעורים וואס ער לערנט פאר יעדע נאכט בבית מדרשינו הג' אין ראם פון חבורת יסודי התורה, אין צוגאב צו דעם ווערט יעדן זונטאג פארגעלערנט דער שיעור כללי וואו עס ווערן אויסגעשמועסט וויכטיגע און אינטערסאנטע ענינים אין די שיעור השבוע לתועלת הלומדים שיחי'.

זונטאג נאכמיטאג אום 4:00 קומט פאר דער שיעור דורך הרה"ג ר' הערש לייב בערנשטיין שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק', א הערליכער שיעור אין הלכות נחוצות וואו דער דיין שליט"א נעמט יעדע וואך א באזונדערע מקצוע און צענעמט דאס ביז הלכה ולמעשה, א גרויסן טייל פון ענינים וואס זענען נוגע יעדן איד אין טאג טעגליכן לעבן און זענען צומאל אומבאקאנטע הלכות, וואס דער עולם נעמט אויף מיט אינטערעסע.

אום 5:00 נאכמיטאג קומט פאר דער שיעור אין הל' שבת דורך הרה"ג ר' משה ראזענפעלד שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק', וועלכער איז באקאנט מיט זיינע רייכע שיעורים אין הל' שבת וואס ווערן פארגעלערנט מיט א געוואלדיגע קלארקייט, דער שיעור ברענגט צוזאם א פלייץ פון משתתפים וועלכע הערן זיך איין אין די הילכתא גבירתא לשבתא ווי אזוי זיי זענען שייך אין דעם היינטיגן מציאות.

מיום שחרב ביהמ"ק אין לו להקב"ה אלא ד' אמות של הלכה בלבד.

## לעכטיגע שבתים בצל קדשו פון רבינו שליט"א אין וויליאמסבורג ברענגט אריין חיות דקדושה אין אנשי שלומינו

(פארזעצונג פון זייט 5)

צינדט די חנוכה ליכט ברוב עם הדרת מלך אין בית מדרשינו הגדול, וואו עס קומען זיך צונויף א ריזן ציבור אנשי שלומינו און רבנים פון איבער שטאט, די קאפעליע משוררים זינגען די זמירות לכבוד היום כנהוג בחצרות קדשינו, און דערנאך איז רבינו שליט"א משמיע דברות קודש בפלפולא דאורייתא טבין. דער מעמד ווערט נאכגעפאלגט מיט א געהויבענעם שבת וואו אנ"ש קומען זיך צוזאם צו די הייליגע תפלות ובפרט מיט די אמירת הלל ווען רבינו שליט"א איז יורד לפני התיבה, וואס טוט דערוואַרעמען די טויזנטער אידן וואס געפונען זיך אין ביהמ"ד הגדול, און אזוי ווייטער ביים ראש חודש בענטשן און מיט דעם זה השלחן אשר לפני ה', די טישן ליל שב"ק און שלש סעודות אין ביהמ"ד הגדול.

דער געהויבענער שבת חנוכה פאלגט נאך מיט נאך א מעמד הדלקת הנירות אום מוצש"ק, וואו דער רבי איז משמיע דברות קודש לכבוד היום און וואונטשט לחיים פאר'ן ציבור איבערלאזנדיג הויפענעס מיט חיזוק והשפעות טובות וואס באגלייט דעם ציבור אנשי שלומינו פאר'ן גאנצן ווינטער.

ווי ביי יעדן געהויבענעם זמן איבער'ן יאר, איז דער ביהמ"ד הגדול דער אכסניא של תורה וואס נעמט אריין דעם ברייטן ציבור זקנים עם נערים וואס קומען זיך צוזאם פון אלע עקן פון די שטאט מיטצוהאלטן די געהויבענע שבתים אינאיינעם מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א, און די הנהלת הקהלה איז עומד על המשמר צוצושטעלן די צרכי ציבור די פארגרעסערטע געברויכן אין ליכט פון די שיינע שבתים בצל הקודש.

## קהל יטב לב דסאטמאר פראקלאמירט יערליכן "מעמבערשיפ קאמפיין" צו איינקאסירן דעם 64'סטע יערליכע דיוס למען החזקת קהילתינו הק'

(פארזעצונג פון זייט 2)

דיינים, מרביצי תורה, כלי קודש און אנדערע איינגעשטעלטע; ביתו נאוה קודש; פארשידענע פעולות לטובה, ווי שרייב ארבעט בכל עת מצוא, דרוקן און פארשפרייטן מודעות לכל קדשי בני ישראל ועוד ועוד, וואס יעדעס באזונדער ציט אריין אין פאנטאסטישע הוצאות למעלה מן המשוער.

ווי אויך נעמט הנהלת קהלתינו הק' א באדייטענדער פינאנציעלע חלק אין די הוצאות פון פארשידענע אפטיילונגען אין די קהלה, ווי פאר: "התאחדות אברכים" שיעורים און חברותות להרמת קרן התורה; צענטראלע "בית הוראה" לדון ולהורות בדבר ה' זו הלכה; לאקאלע בתי מדרשים אין אלע ווינקלען פון די שטאט ספעציעל צוגעשטעלט פאר אנ"ש, וואס אויך נאכדעם וואס די מתפללים אין די בתי מדרשים נעמען ארויס זייער חלק מיטן מנדב זיין נר למאור, לע"נ אדער בעת שמחתם וכדומה, פארבלייבט נאך אלץ אומגעדעקט א גרויס חלק פון די הוצאות, וואס פאלט צולאסט אויף די הנהלת הקהלה; "כולל אברכים" וואס געפונט זיך אין ביהמ"ד הגדול, וואס ווידער דאס זעלבע, טראץ וואס די הנהלת הכולל צאלט א חלק פון די הוצאות, בלייבט אויף די הנהלה א חלק ניכר דאס משלים צו זיין, ועוד ועוד נאך פראיעקטן וואס ציט אריין אלעס אריין אין באזונדערע סכומים.

דער ברייטער ציבור וועט געוויס פארשטיין און צו קענטענים נעמען דעם חובת השעה, און קעגן קומען די הנהלת הקהלה מיט די מינימאלע התחייבות וואס איז ארויפגעלייגט געווארן מטעם הנהלת הקהלה אלס יערליכער באשטייערונג, און ארויסווייזן שעצונג צו די הנהלת הקהילה וואס געבן זיך אוועק יומם ולילה פאר די הצלחה אינערהאלב די אקטיוויטעטן פון קהילתינו הק', און דערמיט וועט מען זיך איינהאנדלען א שותפות אין די אומשאצבארע זכותים פון די פעולות להרבצת התורה והרחבת גבולי הקדושה וטהרה.

חבר אני לכל אשר יראוך.

# אומפארגעסליכער מעמד הכנסת ספר תורה לע"נ רביה"ק בעל ברך משה זי"ע לאזט איבער געוואלדיגן רושם אויף טויזנטער חברי קהילתינו הק'

(פארזעצונג פון זייט 5)

מוצאי שבת אנהייבן צוגרייטן דעם ביהמ"ד הגדול.

אין די זעלבע צייט זענען אנגעגאנגען די הכנות אויף די גאס ווען די הנהלת הקהילה האבן ארייגעלייגט ספעציעלע כוחות אז די גדרי הצניעות זאלן זיין אויפ'ן בעסטן אופן, דורך אויסגעלייגן די הונדערטער בעריקאדן אויף די גאסן סיי צו קענען קאנטראלירן דעם פארקער פון דעם מעמד, אויף די גאסן פון היוז סטריט, בעדפארד עוועניו, און וויליאמסבורג סטריט וועלכע זענען שפעטער פארשלאסן געווארן פאר'ן פארקער לכבוד דעם מעמד, און סיי צו קענען אפהיטן די גדרי הצניעות.

אנגעהויבן פון 8:30 האט דער עולם אנגעהויבן צו שטראמען קיין היוז סטריט פארנט פון ביתו נאווה קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואו עס זענען זיך צוזאמען געקומען אלפי אנשי שלומינו בעלי בתים ואברכים ובחורי חמד פון איבער די גאנצע שטאט, וואו עס איז שוין געשטאנען אויפגעשטעלט א הערליכע חופה לכבוד התורה און די מוזיק האט געשפילט פרייליכע ניגונים לכבוד המאורע. עס האבן זיך אויך אנגעזעהן פילע געסט פון אלע סאטמארער צענטערן איבער ניו יארק וואס זענען געקומען צו פארן אום מוצש"ק צו אנטייל נעמען אין דעם פייערליכן מעמד הכנסת ספר תורה.

דער "צרכי ציבור טראק" וועלכע באדינט דעם ציבור אנשי שלומינו ביי אלע גרעסערע געשעענישן אינערהאלב די קהילה, האט זיך געפונען ביים ווינקל פון בעדפארד עוועניו און וויליאמסבורג סטריט, פון וואו עס איז פארטיילט געווארן ספעציעלע פענדלעך און פעקלעך פאר די קלענערע קינדער לכבוד דעם מעמד, טראץ דעם וואס עס איז צוגעגרייט געווארן טויזנטער פענדלעך און פעקלעך פאר די קינדער, איז דאס אבער בליץ שנעל אויסגעגאנגען צוליב דעם פלייץ פון אזויפיל טויזנטער קינדער בליעה"ר.

ארום 9:15 איז כ"ק מרן רבינו שליט"א אנגעקומען קיין וויליאמסבורג און איז תיכף צוגעפארן לביתו נאווה קודש וואו עס האבן זיך שוין געפונען א צאל ראשי קהילה ואנשים מכובדים וועלכע האבן מנדב געווען גרעסערע סומעס פאר די ספר תורה.

דאן האט דער סופר הרה"ח ר' יעקב הערש פערל הי"ו אריינגעברענגט די ספר תורה צום רבי'ן און דער רבי האט מסיים געווען די כתיבת הספר תורה. אינדערצווישן ווי לאנג מען האט געווארט אז די טינט זאל זיך אויסטריקענען זענען די נדבנים דורכגעגאנגען אין א רייע אפצונעמען ברכת קדשו פונעם רבי'ן שליט"א וואס האט אנגעוואונטשן ברכות לרוב פאר די חשוב'ע נדבנים.




דערנאך האט דער רבי געגעבן ברכת קדשו פאר די חברי ועד כתיבת ס"ת הרה"ח ר' דוד שמעון פראמאוויטש הי"ו, הרה"ח ר' משה יודא גאלדבערגער הי"ו און האברך החשוב ר' יושע זאב מיטעלמאן הי"ו, ווי אויך פאר'ן גזבר הקהלה הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקעל הי"ו וועלכער האט אריינגעלייגט אסאך כוחות אז מען זאל קענען פארענדיגן די ס"ת, און האט זיך גאר שטארק אוועקגעגעבן בלב ונפש אין די לעצטערע וואכן פאר די הצלחה פון דעם מעמד הכנסת ספר תורה.

באזונדער האט דער רבי גאר ווארעם אנגעוואונטשן פאר הרבני הגיד בונה ומקים עולמות של תורה מוה"ר זלמן לייב אבערלאנדער הי"ו וועלכער האט מנדב געווען גאר א גרויסן סכום פאר די ספר תורה, און ער האט דערמיט אפגעקויפט דעם זכות פון די עצי חיים פון די ספר תורה, וועלכע טראגן מיט זיך מיט די אומשאצבארע סגולה פון עץ חיים הוא למחזיקים בה ותומכיה מאושר.

דערנאך איז הגה"צ אבדק"ק ור"מ שליט"א מכובד געווארן מיט הגבהת הספר תורה, און מיט גלילה איז מכובד געווארן חתנו הרה"ג ר' יואל הכהן גלאנץ שליט"א, דאן האבן די די נדבנים הרבני הנגיד ר' מנחם גרשון לעבאוויטש הי"ו, הרבני הנגיד ר' אביגדור פרענקל הי"ו, און הרבני הנגיד ר' יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו חברי הנהלת המוסדות איבערגעגעבן פארן רבי'ן דעם "כתר תורה" וואס זיי האבן געקויפט פאר'ן רבי'ן במתנה, און דער רבי האט מעטר געווען דעם ספר תורה בכתר מלכות. און דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פייערליכן ריקוד וואו דער רבי איז געטאנצן עטליכע מינוט מיט די ספר תורה, און דערנאך האט דער רבי מכבד געווען אחיו הגה"צ רבי שלום אליעזר שליט"א רב דקהילתינו 15'טע עוו. צו טאנצן מיט די ספר תורה.

דערנאך האט כ"ק מרן רבינו שליט"א ארויסגעפירט די ספר תורה מביתו נאווה קודש ווערנדיג אנטפאנגען בשירה וזמרה דורך די טויזנטער חסידים ואנשי מעשה וואס האבן געטאנצן אויפ'ן גאס לכבוד התורה. די עסקנים האבן געהאט שוועריגקייטן צו שטופן פאראויס די חופה צוליב די מאסן וועלכע זענען געווען צונויפגעשטופט אויף די גאס טאנצנדיג מיט שמחה און התלהבות.

דער רבי שליט"א האט פערזענליך באגלייט די ספר תורה במשך די גאנצע וועג אריבער א שעה צייט, ווען די ספר תורה איז געפירט געווארן אין באגלייטונג פון אלופי אלפי ישראל, בעלי בתים אברכים און בחורי חמד שיחיו, וועלכע האבן זיך משמח געווען בשמחת התורה בשירה ובזמרה בתופים ובמחולות, טאנצנדיג פאראויס מיט גרויס התלהבות כראוי לכבודה של תורה. בשעת די תהלוכה זענען מכובד געווארן די חשוב'ע רבנים ודיינים, כלי קודש וחשובי העדה, צו טאנצן מיט די ס"ת אונטער די חופה.

א באזונדערע סדר איז צוגעשטעלט געווארן פאר די ילדי תשב"ר פון די עלטערע כיתות אין די תלמוד תורה וועלכע זענען געקומען צום מעמד אונטער די אויפזיכט פון די חשוב'ע מלמדים שיחיו און זיי זענען געגאנגען פאראויס פון דעם הכנסת ספר תורה טראק מיט פאקלען אין די האנט לכבודה של תורה. צוליב די גרויסע צאל קינדער בליעה"ר און כדי צו פארמיידן א סכנה ח"ו האט מען פארטיילט פאר די קינדער עלעקטראנישע פאקלען וואס שטעלן נישט פאר קיין זיכערהייט געפאר ח"ו.

די ספר תורה איז געפירט ווערן פון היוז סטריט צו בעדפארד עוועניו, וואו מען איז אריבערגעגאנגען העכער די הייוועי ביז צו וויליאמסבורג סטריט וועסט, און פון דארט איז די גאנצע פמליא אראפגעגאנגען גאנץ וויליאמסבורג סטריט ביז קענט עוועניו צום ביהמ"ד הגדול אויף 14 הופער סטריט, עס איז גאר שטארק באגריסט געווארן דער געוואלדיגער סדר וואס איז אהערגעשטעלט געווארן למען גדרי הצניעות, ווען די גאסן פון בעדפארד עוועניו פון היוז סטריט ביז וויליאמסבורג סטריט וועסט, ווי אויך די גאנצע גאס פון וויליאמסבורג סטריט פון בעדפארד עוועניו ביז קענט עוועניו איז געווען אפגעטיילט מיט ספעציעלע בעריקאדן צווישן די מענער און פרויען, כדי צו פארמיידן תערובות ח"ו.

בעת ווען די ספר תורה איז נאך געווען אויף וויליאמסבורג סט. און דער ציבור איז נאך געטאנצען אין די גאסן מיט פייערדיגע טענץ, איז שוין אין די זעלבע צייט אנגעפולט געווארן דער ביהמ"ד הגדול, און עס זענען גאר שנעל צעכאפט געווארן אלע שטיי פלעצער אויף די פארענטשעס, און אזוי אויך דער חלל הביהמ"ד איז צעביסלעך אנגעפילט געווארן עד אפס מקום, א ספעציעלער פלאץ איז צוגעגרייט געווארן אויף די פארענטשעס מיוחד פאר די ילדי תשב"ר תלמידים פון די עלטערע כיתות אין מוסדותינו הק' וועלכע זענען געשטאנען אונטער די אויפזיכט פון די חשוב'ע מלמדים שיחיו.

טראץ דעם וואס מען האט זיך פון פאראויס געריכט אויף א מאסן באטייליגונג, און מען האט צוגעגרייט הויכשטאקיגע פארענטשעס ארום דעם ביהמ"ד, דאך האט מען זיך היבש אונטערגעשאצט ווען עס זענען געקומען צו פארן פילע געסט פון בארא פארק, קרית יואל און מאנסי, און עס איז פשוט נישט געווען גענוג פלאץ וואו צו פלאצירן די חשוב'ע געסט.

ווען די ספר תורה איז שוין געווען נאנט צום ביהמ"ד זענען די חשובי העדה ארויסגעגאנגען מיט די ספרי תורה אין די הענט מקבל פנים זיין די נייע ספר תורה, צווישן אנדערע זענען מכובד געווארן הרה"ח בנש"ק ר' חיים דוד לויפער הי"ו פון בארא פארק, הרה"ג רבי מאיר צוויבל שליט"א ר"מ בישיבה גדולה ומח"ס נר המאיר, הרה"ג ר' מענדל מאשקאוויטש שליט"א מגי"ש בקהילתינו הק', און נאך זקני וחשובי העדה.

א מחזה הוד וואס וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן ביי אנשי שלומינו איז געווען בשעת בשעת דער רבי שליט"א האט אריינגעברענגט די ספר תורה אין היכל ביהמ"ד הגדול דורך די גרויסע טויערן אויף קענט עוו. ווען דער גאנצער ציבור איז אריין אין אן עקסטאז זיך דערמאנענדיג די זמנים ווען אנשי שלומינו זענען געטאנצן די הקפות בצל קדשו פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, שפירנדיג אז נשמתו הקדושה געפונט זיך דא אין אזא געהויבענעם מעמד.

דער מעמד וועלכע איז אפגעראכטן געווארן בלויז אין א קורצע אפשניט נאך דעם הייליגן יו"ט שמחת תורה העעל"ט, האט טאקע ריכטיג אויסגעקוקט ווי "הקפות שניות" ווען דער ביהמ"ד איז געווען געפאקט מקצה אל הקצה ארומגענומען מיט הויכשטאקיגע פארענטשעס וואו די גאנצע עדה הקדושה האט זיך געפריידט בשמחת התורה בשעת דעם מחול לצדיקים ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א האט דורכגעפירט די הייליגע ריקודין של שמחה קרוב צו א האלבע שעה מיט די ספר תורה אין די האנט לע"נ אביו מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע.

דערנאך האט דער רבי שליט"א מכבד געווען בנו הגה"צ אבדק"ק ור"מ שליט"א צו טאנצן מיט די ספר תורה, און דערנאך זענען אויך מכובד געווארן הגה"צ

(פארזעצונג אויף זייט 24)










ימין ושמאל תפרוצו - פתיחת שערים פון בתי מדרשים דקהלתינו הק'

# אומפארגעסליכער מעמד הכנסת ספר תורה לע"נ רביה"ק בעל ברך משה זי"ע לאזט איבער געוואלדיגן רושם אויף טויזענטער חברי קהילתינו הק'

(פארזעצונג פון זייט 24)

רב דקיט"ל 15'טע עוו. שליט"א און הגה"צ סיגוט'ער רב שליט"א צו טאנצן מיט די ספר תורה, און דאן האט מען ארייגעלייגט די ספר תורה להיכל הארון קודש. און דער רבי שליט"א האט פארגעזאגט לדוד מזמור מיט גרויס התעוררות והשתפכות הנפש, און דערנאך האט דער רבי געזאגט קדיש מיט התעוררות של בכי.

אזוי ווי אלעמאל אין אזעלכע זמנים אין יומי דפגרא וועלכע ווערן געפראוועט במקהלות עם בבית מדרשינו הגדול, איז דער עולם שטארק דאנקבאר געווען פאר די הנהלת הקהילה ובראשם הרבני הנגיד ר' יצחק ראזענבערג הי"ו סגן ראה"ק, וועלכער האט אויפגעבויעט דעם גרויסן ביהמ"ד וואס איז היינט דער צענטראלער פונקט פאר אלע אנשי שלומינו ביי אלע יומי דפגרא וימי החג ושמחות בית צדיקים בצלא דמהימנותא.

תיכף נאך אמירת לדוד מזמור איז צוגעשטעלט געווארן די סעודת מלוה מלכה לגומרה של תורה אינאיינעם מיט א סעודת ר"ח פאר'ן גאנצן ציבור אנ"ש לכבוד המאורע אינעם "בנין חי"ל הילמאן" אויף 13 הופער סט. דער רבי שליט"א איז ערשינען אין היכל עטליכע מינוט נאך לדוד מזמור און האט זיך געוואשן צו די סעודת מצוה לגומרה של תורה. נאכ'ן פארטיילן שריים און וואונטשן לחיים פאר'ן ציבור האט דער רבי מכבד געווען די משוררים פון די סאטמארער קאפעליע צו זינגען די זמירות לכבוד מלוה מלכה.

דאן האט אויפגעטרעטן הגה"צ אבדק"ק ור"מ שליט"א וועלכער האט מיט פאסיגע ווערטער ארויסגעברענגט די שמחה פון די בני הקהילה נאכ'ן פארענדיגן די ספר תורה לע"נ מרן רביה"ק בעל ברך משה צו וועם דער ציבור איז געווען אזוי נאנט און מקושר. דערנאך האט ער זיך באדאנקט פאר די חברי ועד כתיבת ספר תורה וועלכע האבן זיך אפגעגעבן מיט די עבודת הקודש במשך די לעצטע פאר יאר מיט גרויס איבערגעגעבנקייט.

דערנאך האט דער ציבור זיך צוגעהערט מיט א שטילקייט צו די דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, דער רבי האט צום ערשט אנגעהויבן מיט א שיינעם דרוש לכבוד המאורע, און דערנאך האט דער רבי ממשיך געווען בענינא דיומא זיך באציענדיג אויפ'ן פסוק אין די וואכעדיגע סדרה ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ, האט דער רבי געזאגט אז מטל השמים גייט ארויף אויף די תורה וואס איז געגעבן געווארן פון הימל צו דער ערד, ומשמני הארץ גייט ארויף אויף די צדיקים פון דער ערד וואס גייען ארויף אין הימל, וואס ווען מען גיט אריין א ספר תורה לע"נ די צדיקים איז מען מקשר די ביידע ענינים און דערמיט איז מען זוכה צו די ברכה פון ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ.

דער רבי האט א לענגערע צייט ארומגערעדט איבער די חשיבות פון דעם הכנסת ס"ת לע"נ דעם טאטן רביה"ק ז"ל זיך באציענדיג אויף די ווערטער פון בנו הגה"צ דער רב שליט"א איבער די התקשרות פון אנשי שלומינו צום טאטן רביה"ק בעל ברך משה ז"ל דער רבי האט דערמאנט דעם זוהר הק' וואס זאגט אז צדיקים קומען אראפ ביי א שמחה, און דער רבי האט געוואונטשן עס זאל זאל זיין מטל השמים ומשמני הארץ מיט אלע פשטים בגשמיות וברוחניות ככלהו אמוראי וככלהו תנאי און מ'זאל דבוק זיין אין תורה וואס דורך דעם וועט נשפע ווערן אלע גוטע השפעות עד ביאת הגואל במהרה.

וזאת התורה אשר שם משה.

# גרויסן פארלאנג אויף די "מהודר'דיגע מצות" פון בית אופה דקהילתינו הק' אין וויליאמסבורג

(פארזעצונג פון זייט 6)

גלייכצייטיג ווערט דאָס יאָר ווייטער אָנגעהאַלטן די חומרא יתירה, אַז די מצות ווערן געבאַקן מתחלתה ועד סופה פונעם איינקנעטן ביז צום פאַרפאַקן די מצות, דייקא דורך אפיית אנשים, אַריינגערעכנט אויך דאָס וועלגערן די מצות, אַלעס דורך מענער יראים ושלמים, א הידור וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די מצה בעקעריי שע"י קהילתינו הק' אין וויליאַמסבורג, און איז אַדאַנק דעם שוין ברייט פאַרשפרייט געוואָרן אויף אַנדערע מקומות אויך.

די מצה בעקעריי שטייט אונטער די פערזענליכע השגחה פון הגה"צ אבדק"ק ור"מ שליט"א, וועלכער האַלט אַן עינא פקיחא אויפ'ן גאַנצן סדר האפי', ועל ידו איז ווייטער געשטעלט דאָס יאָר דער חשוב'ער דיין הגה"צ רבי הערש לייב בערנשטיין שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד איחוד התלמידים, וועלכער איז דער מפקח ראשי, און געפונט זיך כסדר אין די בעקעריי, זיכער צו מאַכן אַז אַלעס ווערט דורכגעפירט על צד היותר טוב, בתכלית ההידור והכשרות.

אין די זעלבע צייט לייגן אַריין שטאַרקע כוחות די חברי ועד בית האופה, וועלכע שטייען על המשמר צו פאַרזיכערן דעם חלק הגשמי אַז אַלעס זאָל זיין אַהערגעשטעלט לשביעת רצון כל אחד, ועל ידם דער געטרייער מנהל בית האופה בנש"ק הרב אלי' הערשקאוויטש שליט"א, וואָס מיט זיין מומחיות און געטריישאַפט פירט ער ווייטער די מצה בעקעריי מיט'ן אויסטערלישן כתר שם טוב וואָס עס האָט זיך ב"ה קונה געווען.

באַזונדער האָט מען דאָס יאָר ווייטער אַריינגעלייגט שטאַרקע כוחות צו פאַרזיכערן אַז די מצות ווערן אַהערגעשטעלט מיט'ן בעסטן טעם, גוט אָפּגעבאַקן און געשמאַק צום עסן, אַזוי אַז די מצות וועלן ווייטער זיין די מערסטע מהודר ברוחניות ובגשמיות, ביתר שאת פון די פריערדיגע יאָרן.

צוליב דעם שם טוב וואָס די בעקעריי האָט זיך איינגעקויפט, האָבן זיך שוין געמאָלדן פילע אידן, גרעסערע קהלות צוזאַמען מיט יחידים וואָס פירן אן גרעסערע אָדער קלענערע חבורות וואָס ווילן באַקן זייערע מצות של מצוה אין די מצה בעקעריי שע"י קהילתינו הק' אין וויליאַמסבורג.

גלייכצייטיג קומען כסדר אַריין באַשטעלונגען פון אידן, קהלות און יחידים פון אויסלאַנד, וואָס רופן שוין אַריין באַשטעלן זייערע מצות, כדי צו זיין זיכער אַז זיי זענען באַזאָרגט אויף פסח מיט די מהודר'דיגע מצות פון די סאַטמאַרער מצה בעקעריי.

כדי צו קענען נאָכקומען דעם גרויסן פאַרלאַנג האָט מען היי יאר אָנגעהויבן צו באַקן די מצות פריער ווי געוויינליך, און מ'וועט אי"ה באַקן ברציפות ביז צום קומענדיגן יום טוב פסח הבעל"ט, כדי צו קענען יעדן צופרידענשטעלן על צד היותר טוב.

גלייכצייטיג איז דאָס יאָר צוגעשטעלט געוואָרן א ספעציעלער אָרט אין די בעקעריי, וואו אידן קענען קומען מאָלן דאָס ווייץ "רחיים של יד" ווי עס איז געווען איינגעפירט אין אַלע דורות דורך אידן חסידים ואנשי מעשה.

אין די פאַרגאנגענע וואכן האט כ"ק מרן רבינו שליט"א באזוכט אין דעם מצה בעקעריי וואו דער רבי שליט"א איז א לענגערע ווײַלע ארומגעגאנגען אין אלע אפטיילונגען פון די בעקעריי און באאבאכטעט פון דער נאנט דעם גאנצן הלוך ילך אין די בעקעריי, און דער רבי האט אויסגעדרוקט זיין שטארקן קורת רוח פון דעם מהודר'דיגן סיסטעם און די געניטע פירערשאפט ווי אזוי די בעקעריי איז אויסגעשטעלט אזוי ווי עס פאסט זיך פאר די סאטמארער מצה בעקעריי. חבורות וואָס ווילן באַקומען אן אפוינמענט, אָדער יחידים וואָס ווילן באַשטעלן א זמן צו באַקן די מצות, קענען זיך ווענדן צום מנהל בית האופה הר"ר אלי' הערשקאוויטש הי"ו אויפ'ן נומער 1718 522 2622 וכל הקודם זכה.



# טעלעפאון נומער'ן

כ"ק מרן רבינו שליט"א

והגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

## כ"ק מרן רבינו שליט"א

ביתו נאוה קודש
718-624-6392

ביתו בקרית יואל צאנז קט.
845-783-0994

ביתו בקרית יואל אוהעל קט.
845-783-8509

*

הויז בחור 917-378-3387

## הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

ביתו 718-384-4522

*

ר' יעקב טעללער ני"ו 347-496-1454

# מורי הוראה

דקהלתינו הק'

בעואב"י וויליאמסבורג

## בית הוראה

**718.388.0015**

| | |
|---|---|
| הרה"ג ר' **ארי לייבוש טייטלבוים** שליט"א<br>154 ROSS ST. - 718-387-5870 | הרה"ג ר' **יושע געלב** שליט"א<br>151 HEWES ST. - 718-855-1443 |
| הרה"ג ר' **אברהם וואלף שנעעבאלג** שליט"א<br>56 MORTON ST. - 718-486-5204 | הרה"ג ר' **יוסף אשר זילבערשטיין** שליט"א<br>51 LORIMER ST. 6-A 718-599-4371 |
| הרה"ג ר' **אברהם אבערלענדער** שליט"א<br>11 JULIANA - 718-218-9531 | הרה"ג ר' **ישעי' גדלי' קויפמאן** שליט"א<br>583 FLUSHING AVE. - 718-486-8010 |
| הרה"ג ר' **אברהם הערש פריעדמאן** שליט"א<br>252 WALLABOUT ST. #2 718-963-0178 | הרה"ג ר' **ישראל בער שטיין** שליט"א<br>580 WYTHE AVE - 718-387-3233 |
| הרה"ג **ר' בנציון לאוב** שליט"א<br>4 LYNCH ST. 6-L - 718-599-1304 | הרה"ג ר' **מענדל הערש כהנא** שליט"א<br>866 BEDFORD AVE - 718-875-8263 |
| הרה"ג ר' **דוד הירש** שליט"א<br>405 FLUSHING AVE. #4-A 718-599-7741 | הרה"ג ר' **מנחם מאיר מיטטעלמאן** שליט"א<br>29 HEYWARD ST. 5-L 718-797-9867 |
| הרה"ג ר' **הערש לייב בערנשטיין** שליט"א<br>74 ROSS ST. - 718-388-4450 | הרה"ג ר' **משה ראזענפעלד** שליט"א<br>24 RUTLEDGE ST. - 718-237-2835 |
| הרה"ג ר' **חיים הערש טייטלבוים** שליט"א<br>175 MIDDELTON ST. - 718-486-8969 | הרה"ג ר' **מנחם זאב שטערן** שליט"א<br>32 WALTON ST. 718-384-4543 |
| הרה"ג ר' **חיים אהרן אונגער** שליט"א<br>650 BEDFORD AVE. - 718-852-0221 | הרה"ג ר' **נתנאל גראס** שליט"א<br>73 DIVISION AVE. - 718-782-9891 |
| הרה"ג ר' **יואל שווארטץ** שליט"א<br>41 LORIMER ST. - 718-302-9820 | הרה"ג ר' **עזרא משה כאירה** שליט"א<br>263 CLASSON AVE - 718-783-7101 |

## לשכת לדיני ממונות

| | |
|---|---|
| הרה"ג ר' **ישראל מאיר עקשטיין** שליט"א<br>718-599-9379 | הרה"ג ר' **יואל מארקאוויטש** שליט"א<br>845-782-0572 |

# שיעורי תורה

## בבתי המדרשים דקהילתינו הק'

## - בית המדרש הגדול -

**בבוקר**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 5:45 | חק לישראל | ע"י הרה"ג מוה"ר מאיר צוויבעל שליט"א ר"מ בישיבתינו הק' - קרית יואל |
| בשעה 6:15 | יסודי התורה | ע"י הרה"ג מוה"ר מאיר צוויבעל שליט"א ר"מ בישיבתינו הק' - קרית יואל |
| בשעה 6:00 | הלכות שבת | ע"י הרה"ג מוה"ר משה ראזענפעלד שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק' |
| בשעה 6:40 | יסודי התורה | ע"י הרה"ג מו"ה דוד שלמה לאוב הי"ו |
| בשעה 12:30 | משניות, יסודי התורה | ע"י הרה"ח מו"ה חיים אליעזר גראס הי"ו |
| בשעה 3:30 | הלכות שבת | ע"י הרה"ג מוה"ר מנחם צבי כהנא שליט"א דומ"ץ קארלסבורג |
| בשעה 6:00 | משניות | ע"י הרה"ג מוה"ר מענדל טייטלבוים שליט"א אב"ד טשענסקאוויץ |
| בין מנחה למעריב | משניות | ע"י הרה"ח מו"ה בערל גראס הי"ו |

**בערב**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 9:00 | יסודי התורה | ע"י הרה"ג מוה"ר אפרים יצחק הילמאן שליט"א מג"ש בקהילתינו הק' |
| בשעה 8:45 | גמ' על סדר הש"ס (כעת לומדים מס' נזיר) | ע"י מו"ה שמואל שמעלקא מיטטעלמאן הי"ו |
| בשעה 8:45 | גמ' על סדר הש"ס (כעת לומדים מס' יבמות) | ע"י הרה"ח מו"ה חיים פריעדמאן הי"ו |
| בשעה 8:45 | הלכות שבת | ע"י הרה"ג מוה"ר יוסף אשר זילבערשטיין שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק' |
| בשעה 8:45 | יסודי התורה | ע"י מו"ה אלחנן חיים צבי מיטטעלמאן הי"ו |

### יום א'

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 11:45 | הלכות שבת | ע"י הרה"ג מוה"ר יצחק ביסטריצקי שליט"א מו"ץ בית הוראה בית תלמוד להוראה, ב.פ. |
| בשעה 4:00 | שיעור בהלכות נחוצות | ע"י הרה"ג מוה"ר הערש לייב בערנשטיין שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק' |
| בשעה 5:00 | הלכות שבת | ע"י הרה"ג מוה"ר משה ראזענפעלד שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק' |

### שבת קודש

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 8:20 | הל' תפילה | ע"י הרה"ג מוה"ר דוד הירש שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק' |
| בשעה 8:45 | שיעור בספה"ק ויואל משה | ע"י הרה"ח מו"ה אהרן בינער הי"ו |

### ליל שישי

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 10:00 | חומש רש"י | ע"י הרה"ג מוה"ר צבי אלימלך טייטלבוים שליט"א מג"ש בקהילתינו הק' |

### מוצש"ק

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 8:15 | הל' טהרה | ע"י הרה"ג מוה"ר דוד הירש שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק' |

## - ביהמ"ד ברך משה -

**בבוקר**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 7:00 | יסודי התורה | ע"י הרה"ג מוה"ר אפרים יצחק הילמאן שליט"א מג"ש בקהילתינו הק' |

**בערב**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 9:00 | חק לישראל | ע"י הרה"ח מו"ה אלי' הערשקאוויטש הי"ו |
| בשעה 8:45 | יסודי התורה | ע"י הרה"ג מוה"ר צבי אלימלך טייטלבוים שליט"א מג"ש בקהילתינו הק' |
| בשעה 8:45 | יסודי התורה | ע"י מו"ה יואל משה ווערצבערגער הי"ו |
| בשעה 8:45 | יסודי התורה | ע"י מו"ה מנחם שמואל יעקב גאטליעב הי"ו |

# שיעורי תורה

## בבתי המדרשים דקהילתינו הק'

**שבת קודש**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 8:45 | הלכות שבת | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר משה ראזענפעלד שליט"א<br>מו"ץ בקהילתינו הק' |

**מוצש"ק**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 8:30 | הל' טהרה | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר הערש לייב בערנשטיין שליט"א<br>מו"ץ בקהילתינו הק' |

**יום א'**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 11:45 | שו"ע יו"ד ח"ג | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר משה ראזענפעלד שליט"א<br>מו"ץ בקהילתינו הק' |
| בשעה 5:00 | הלכות שבת | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר דוד הירש שליט"א<br>מו"ץ בקהילתינו הק' |

### - ביהמ"ד איחוד התלמידים -

**בערב**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 9:00 | שו"ע או"ח | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר אברהם צבי פריעדמאן שליט"א<br>דומ"ץ גאלאנטא |
| בשעה 8:30 | יסודי התורה | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר יואל הערש קאהן שליט"א |
| בשעה 9:00 | יסודי התורה | ע"י<br>מו"ה ישעי' סאקס הי"ו |
| בשעה 9:00 | יסודי התורה | ע"י<br>מו"ה עוזר מאשקאוויטש הי"ו |

**ליל שישי**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 10:00 | חומש רש"י | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר מאיר צוויבעל שליט"א<br>ר"מ בישיבתינו הק' - קרית יואל |

### - ביהמ"ד קיט"ל סאוט 8 -

**בבוקר**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 7:30 | חק לישראל | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר יעקב אלימלך פאנעטה שליט"א |

**בערב**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 8:45 | יסודי התורה | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר מענדל מאשקאוויטש שליט"א |
| בשעה 8:45 | יסודי התורה | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר ישראל בער שטיין שליט"א<br>מו"ץ בקהילתינו הק' |

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 9:00 | מס' ביצה | ע"י<br>מו"ה יואל יערמיאש הי"ו |

**שבת קודש**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 8:45 | הל' שבת | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר ישראל בער שטיין שליט"א<br>מו"ץ בקהילתינו הק' |

**ליל שישי**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 10:00 | חומש רש"י | ע"י הרה"ח<br>מו"ה אלי' הערשקאוויטש הי"ו |

**יום א'**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 11:45 | שו"ע או"ח ח"א | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר חיים אהרן אונגער שליט"א<br>מו"ץ בקהילתינו הק' |

### - ביהמ"ד ישמח משה -

**בערב**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 9:00 | יסודי התורה | ע"י הרה"ג<br>מו"ה מענדל וואלף שטערן הי"ו |
| בשעה 9:00 | מס' קדושין | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר יוסף מייזליש שליט"א |

**ליל שישי**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 10:00 | חומש רש"י | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר בנציון לאוב שליט"א<br>מו"ץ בקהילתינו הק' |

**שבת קודש**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 8:45 | הלכות שבת | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר משה יצחק בערנשטיין שליט"א |
| 20 מינוט אח"ז הדלה"נ | שיעור בספרי חסידות | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר בנציון לאוב שליט"א<br>מו"ץ בקהילתינו הק' |

**מוצש"ק**

| | | |
|---|---|---|
| 2 שעה אח"ז מוצש"ק | שו"ע או"ח ח"א | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר בנציון לאוב שליט"א<br>מו"ץ בקהילתינו הק' |

### - ביהמ"ד דברי יואל -

**בערב**

| | | |
|---|---|---|
| בשעה 8:45 | יסודי התורה | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר צבי אשכנזי שליט"א<br>מנהל ישיבת באר התורה |

**שבת קודש**

| | | |
|---|---|---|
| ליל שב"ק אחר התפילה | הלכות שבת | ע"י הרה"ג<br>מוה"ר צבי אשכנזי שליט"א<br>מנהל ישיבת באר התורה |

# לעבנסוויכטיגע "חתונה תקנות" שע"י קהילתינו הק' זעצט פאָר איינצושפּאָרן מיליאנען אין אומנויטיגע הוצאות פאר בעלי שמחה

(פארזעצונג פון זייט 6)

שום גרעניץ, און עס האט דערגרייכט אבנאָרמאַלע פראפארצן. וואס דער היימישער עולם האט געהאלטן פאר אַ קאטאסטראפע אין פולן זין פון וואָרט.

למעשה, טראָץ דעם געוואלדיגן אפרוף און אנערקענונג ביים ציבור אז עפעס מוז שוין געטון ווערן, האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס פארלאנגט זיך אַ פאראייניגטער כח הציבור דורכצוברעכן אינאיינעם די דיקע מויערן, וואס איז שוין פאר צענדליגער יארן אזוי איינגעגעסן געווארן. און די איינציגסטע עצה איז געווען אז "קהל יטב לב ד'סאטמאר" זאָל ארויסקומען צו אירע טויזנטער מעמבערס אז זיי זאָלן אלע אינאיינעם זיין די נחשונים פאר די אויסטערלישע דבר מצוה פון הצלת נפשות ממש, און כ"ק מרן רבינו שליט"א האט שטארק מחזק און מעודד געווען די הנהלת הקהילה, אז מ'מוז נעמען די זאַך אין די האנט אריין, ווייל ס'איז באו מים עד נפש.

דער "ועד החתונה תקנות" שע"י קהילתינו הק' האבן זיך דאַן אריינגעווארפן אין די ארבעט מיט מסירת נפש, מיט'ן נאכאנאנדן פערזענליכן אויפזיכט און חיזוק פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, און טראָץ וואס מ'האט נישט געגלייבט אז מ'וועט קענען משנה זיין אמעריקע, איז יא געלונגען בס"ד צו טוישן דער אמעריקאנער מהלך ביי אידישע שמחות, אז ס'זאל זיין מיט מער אמת'דיגקייט און נישט מיט אזויפיל הבלי הבלים וואס קאסטן אפּ אזויפיל געלט.

מערערע פונקטן פון די 'חתונה תקנות' האבן אין אנהויב אויסגעזען ווי א ווייטער טרוים, אבער היינט איז דאס ב"ה א פאקט ביי רוב מנין ורוב בנין פונעם יהדות החרדית, ווען קהילות קדושות פון איבעראל טוען דאס נאך, און יעדע שטיק צייט הערט מען פון נאך א קהילה בכל מקומות מושבותיהם, וואס האט זיך צונויפגעזעצט און מ'האט מטכס עצה געווען איבער דעם פראבלעם, און געמאכט תקנות וואס זאלן מחייב זיין אלע בני הקהילה, באזירט אויף די סאטמארער חתונה תקנות.

עס איז כדאי צו דערמאנען וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א האט ביי א געלעגנהייט געזאגט: "אז מען נעמט אוועק די איבריגע הוצאות טוט דאס שטארק פארגרינגערן, אז די חתונה די עצם השמחה זאל זיין מיט אַ גרויסע שמחה, און נישט די הבלים וואס די אמעריקאנער גאַס האט איינגערעדט, אז אזוי און אזוי דארף אויסצוזען אַ שמחה. דא אי"ה וועט זיין אידישע שמחות מיט אַ אידישן טעם און מיט אַ חסיד'ישן טעם און מיט אַ ערליכן טעם, און ס'וועט זיין מרבין בשמחה, פון די שמחה וועט מען גארנישט גורע זיין, ס'וועט אי"ה זיין לוסטיגע און פרייליכע חתונות, שמחות וואס וועט זיך ציען פון די חתונה ביז יארן לאנג, ביז אי"ה די קינדער וועלן מעמיד זיין זייערע דורות און פירן זייערע קינדער אונטער די חופה".

דער רבי שליט"א האט גערעדט איבער די חתונה נאכט, זאגנדיג: "אין עבר האט מען אויסגעגעבן אין די חתונה נאכט שווערע טויזענטערס אויף אומזיסטע זאכן, מען האט זיך איינגערעדט אז דאס מוז אזוי גיין, מען מוז דאס האבן, ווייל יעדער האט, אבער היינט, אז יעדער וועט אי"ה האבן א אנדערע סדר אין חתונה, וועט קיינער נישט דארפן, ווייל ס'איז באמת איבריג און ס'פעלט זיך טאקע נישט אויס".

ביים חנוכת הבית פאר "אולם עקשטיין" אין קרית יואל האט רבינו שליט"א בתוך הדברים אָן געוואונטשען פאר די אלע פאָרלעך וואס וועלן אי"ה חתונה האבן מיט מיעוט הוצאות, "דער אייבערשטער וועט העלפן זיי וועלן אי"ה האבן אַ גליקליך לעבן און ס'וועט זיי אי"ה גארנישט פעלן, נאר איין זאך וועט זיי פעלן, די עלטערן וועלן נישט זיין פארשולדיגט אזויפיל חובות".

אין די פארלאפענע חדשים איז אויפגענומען געווארן מיט פרייד די נייע אונטערנעמונג פון די "כתר מלכות שטריימלעך" וועלכע איז א פרישע רינגעלע אין דעם קייט פון פעולות לצמצום הוצאות פאר בעלי שמחה, דורך די אומערמידליכע עסקנים פון די "חתונה תקנות" שע"י קהילתינו הק'.

דער ענין פון "עפארדעבל שטריימלעך" איז אייגענטליך שוין געווען אויף די ליסטע פון די ערשטע חתונה תקנות, ס'איז שוין דאן געווען אַ מעגליכקייט צו פארשאפן פראכטפולע "חתן שטריימלעך" פאר'ן שטוינדע ביליגן פרייז פון $1,200, אנשטאָט די דאַן 'נארמאלע' פרייז פון $3,800 פאר איין שטריימל, אויסער די רעגן שטריימל פאר נאך עקסטערע $1,200, און אזוי האבן די חתונה תקנות געלויטעט, אז מען זאל נאר קויפן איין שטריימל פאר'ן חתן און טאקע די $1,200 דאלערדיגע שטריימלעך.

די הויפט אונטערלאגע צו דעם פלאן איז געווען, אז דורכדעם וואס הונדערטער חתנים פון אנשי שלומינו וועלן קויפן דוקא דעם שטריימל פאר דעם אנגעגעבענעם פרייז, וועט זיך לוינען פאר די סוחרים צוצושטעלן אזעלכע שטריימלעך און געבן דעם ביליגן פרייז, ווי איבעראל אין די מסחר וועלט (ווי צב"ש אינשורענס אד"ג). דער פלאן האט פון די ערשטע מינוט פארלאנגט אז אַ גרויסע צאל בחורים זאלן זיך פארפליכטן צו קויפן ביי איין סוחר. למעשה זענען די איבריגע שטריימל סוחרים אויך געקומען דערויף, אז זיי לאזן אויך אראפ דעם פרייז, און שטעלן צו אזא ביליגן שטריימל.




בראשור ארויסגעגעבן דורכ'ן ועד החתונה תקנות און קופת אבני חסד מעלדט איבער דעם צוזאמשטעל פוןביידע ארגאנעזאציעס לטובת הציבור

דער פלאן האט ב"ה אויסטערליש מצליח געווען. און איבער די לעצטע פיר יאר זענען פארקויפט געווארן בלויז צווישן אנ"ש איבער טויזנט (1000)! שטריימלעך פון די נייע סארט, וואס האט געהאלפן איינשפּאָרן פאר אנשי שלומינו אַן אומגלויבליכע $3,000,000 (דריי מיליאן דאללער) ב"ה! בערך 80% חתנים פון די ישיבה גדולה האבן געקויפט די דאזיגע שטריימלעך, ווי אויך אַ צאל חתנים פון אנדערע קלענערע ישיבות.

במשך די צייט איז נאכגעלאזט געווארן די תקנה צוליב וואס מען האט געהאנדעלט מיט מערערע סוחרים און עס איז געווען שווער צו האלטן קאנטראל דערויף און די פרייזן האבן זיך צעביסלעך געהעכערט און געהעכערט.

דער ווי געשריי איבער די געהעכערטע פרייזן האט אנגעהויבן צו מאָנען אומאויפהערליך פון די הנהלת הקהילה, אז מען מוז אויפקומען מיט אַ לעזונג צו דעם פראבלעם, וואס קען חלילה גענצליך אונטערברעכן די קריטיש וויכטיגע "שטריימל תקנה".

דאן איז מען אויפגעקומען מיט דעם נייעם פלאַן פון די "כתר מלכות שטריימלעך". דער שפּיץ פונעם פלאַן באשטייט בעיקר פון דעם פרינציפּ אז מ'זאל האנדלען מיט בלויז צוויי סוחרים, וואס וועט פארזיכערן אַ כח הרבים און ברענגען אז דער סוחר זאל האבן אַן אינטערעסע אנצוהאלטן די ביליגע פרייזן, כדי צו באקומען די הונדערטער קונדן. פארשטייט זיך אבער אז כדי אנצוהאלטן אַ געזונטן קאנקורענץ דארף מען האבן מער ווי איין סוחר.

דערפאר זענען אויסגעקליבן געווארן צוויי פראמינענטע און גוט באקאנטע סוחרים, מיט צענדליגער יארן ערפארונג און א כתר שם טוב פאר צושטעלן ערליכע סחורה.

דער בארימטער "שטריימל סענטער", וועלכער איז אויך געווען דער נחשון אנצוהייבן אריינברענגען די נייע ביליגערע שטריימלעך, ווען קיין איין סוחר האט נאכנישט געוואלט אפילו הערן פון דעם נייען פלאן, נאר גאָר אויסגעלאכט פון דעם גאנצן דעמאלס'דיגע "חלום", און "ווידער שטריימלעך", אויך אַ וועלט בארימטער נאמען אין די שטריימל פעלד.

כדי דער פלאן זאל קענען מצליח זיין בעתיד און נישט אונטערברעכן. האט מען פארבינדן די הנהלת הקהילה מיט "קופת אבני חסד" די צדקה קאסע פון כ"ק מרן רבינו שליט"א וועלכע העלפט ארויס אידן בעת שמחתם. דהיינו, אז אנשטאט געבן געלט פאר מחותנים וועט "קופת אבני חסד" פון היינט און ווייטער אנהייבן צו טיילן "שטריימלעך קיופאנס" פארן צד החתן, און אנשטאט די טויזנט דאלער קעש וועלן זיי יעצט באצאלן די שטריימל קאסטן. דאס מיינט אויטאמאטיש אז די קנאפע 150 חתנים וואס באקומען יערליך שטיצע פון "קופת אבני חסד" וועלן קריגן די קיופאנס, וואס מ'וועט מיט דעם קענען קויפן אַ ערליכן שטריימל ביי איינעם פון די 2 דערמאנטע סוחרים, אזוי ארום קען מען רואיגער פארזיכערן פאר די שטריימל סוחרים אַ גרויסן פלוס פון קונדן, און אזוי פארפעסטיגן דעם אפמאך זיך צו האלטן צום ביליגן פרייז.

פארשטייט זיך אז דאס איז נאך ווייט פון גענוג. כדי דער פלאן זאל בע"ה מצליח זיין אויפ'ן לאנגן טערמין פארלאנגט זיך, אז יעדער איינציגער בחור פון די ישיבה גדולה און נאך אנדערע בחורים זאלן זיך אנשליסן אין דעם פלאן, און קויפן זייער שטריימל אויסשליסליך דורך "כתר מלכות שטריימלעך".

מצד די עסקנים ווערן ארייגעלייגט די מאקסימאלסטע כוחות צו פארזיכערן, אז וואס מער בחורים זאלן זיך אנשליסן אין דעם נייעם פראגראם, און גלייכצייטיג אויך אויסארבעטן ווי אזוי צו פארזיכערן אז יעדער חתן גייט ארויס צופרידן מיט זיין שטריימל, על צד היותר טוב.

עס איז אויך אויסגעארבעט געווארן אז דעם קיופאָן וועלן באקומען אויך די חתנים וועמענ'ס עלטערן באצאלן געהעריג דאס געלט, אז אפילו דער שטריימל סוחר זעלבסט וועט נישט וויסן וועלכער קיופאן איז באצאלט דורך "קופת אבני חסד" און וועלכע דורך די עלטערן אליין.

ווי דער פלאן איז, וועלן אלע מחותנים וואס טוען אַ שידוך מיט זייער זון שיחי' למז"ט, באקומען צוגעשיקט אַן אפליקעישאן אויפן פאסט, וואס מיטן אויספילן דעם אפליקעישאן און עס צוריקשיקן, וועט ער זיך קענען איינהאנדלען אַ "כתר מלכות שטריימל".

אנשי שלומינו קוקן ארויס אויפ'ן ווייטערדיגן הצלחה פון די חתונה תקנות, און זענען זייער דאנקבאר פאר די הנהלת הקהילה וואס טוט כסדר נאך פעולות לשביעת רצון פון אנ"ש איינצושפארן שווערע טויזנטער דאלארן פאר יעדן מחותן ביי יעדע חתונה.

# פארענדיגט בוי ארבעט פון נאך א חלק פונעם גדר ארום דעם שטח החדש אין דעם ביה"ח דקהילתינו הק'

(פארזעצונג פון זייט 6)

בקרוב צו פארענדיגן דעם גדר אונטן פונעם ביה"ח ביי די זייט צו סקאנעמאנק ראוד, ווי אויך ווערט געפלאנט אויפצובויען א נייעם ראוד וואס וועט עפענען א וועג פאר משפחות הכהנים צוצוקומען צו קרובים און משפחה וואס ליגן באערדיגט ביים ארט וואו עס איז געלאפן דער אלטער גדר פונעם ביה"ח, און צו די קרובים וואס ווערן באערדיגט אין דעם נייעם חלק פונעם ביה"ח.

אין אלע דורות איז געווען אזוי איינגעפירט, אז די קהלה האט געארבעט שכם אחד מיט די חברה קדישא, צוצושטעלן פאר די נפטרים דעם גרעסטן כבוד און אלע באדערפענישן וואס נאר שייך. אויף דעם אופן איז קהלתינו הק' ממשיך זייענדיג אקטיוו אין אלע ענינים פון די חברה קדישא באופן נעלה ונשגב.

די "חברה קדישא" שע"י קהלתינו הק' וועלכע געבן זיך אפ מיט די האקעלע און אחריות'דיגע אויפגאבע פון כבוד המת והנפטרים כדת וכדין. פירן אן מיט א געוואלדיגן געטריישאפט די טאג-טעגליכע ווירטשאפט אינעם ביה"ח, זיכער צו מאכן אז אלעס גייט אן על צד היותר טוב. דאס אנפירן דעם ביה"ח קאסט אפ גרויסע געלטער, און מ'שפארט נישט קיין ארבעט און קיין צו פארזיכערן אז אלעס איז מסודר און אהערגעשטעלט אויף א געהויבענעם פארנעם.

אויף א באזונדערן אופן זענען די חברים פון חברה קדישא גרייט זיך אפצוגעבן מיטן כבוד המשפחות פון די חשוב'ע נפטרים ע"ה אויפן שענסטן פארנעם וואס איז שייך אין אזעלכע האקעלע זמנים. כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א האט ממנה געווען א ספעציעלן ועד פון חשוב'ע אנשי שם, וואס זענען ספעציעל געשטעלט למען כבוד המשפחות, און זיי ארבעטן מיט צוזאמען מיט די חשוב'ע שמשים דקהלתינו הק', צו פארזיכערן בעזהשי"ת דעם גרעסטן כבוד פון די נפטרים ע"ה.

אויסער די אנגייענדע הוצאות אויפן גרויסן בית עלמין אין קרית יואל, איז די חברה קדישא שטארק טעטיג זיך אפצוגעבן מיט די אנדערע בתי חיים דקהלתינו הק' אין ניו דזשורזי און אין לאנג איילענד, וואו מען געט זיך אפ מיט אלע איינגעלעגענהייטן מיט א מסירות נאמנה. דאס זעלבע איז מיטן בית עלמין אין די שטאט אוהעל, מקום מנוחת קדשו פון הרה"ק בעל ישמח משה זי"ע, וועלכע ווערט אפגעהיטן און באגלייט מיט גרויס געטריישאפט, און ציט כסדר אריין אין ריזיגע סכומים געלט.

זעלבסט פארשטענדליך אז די אלע וועלכע צאלן זייער מעמבערשיפ פאר קהילתינו הק' זענען בארעכטיגט צום זכות פון א חלקה אין דעם ביה"ח אין קרית יואל לאחר מאה ועשרים שנה, ווי אויך א פרייע חלקה אין אונזער ביה"ח אין ניו דזשורסי.

ויהי רצון שיבולע המות לנצח ויקיצו וירננו שוכני עפר בביאת גואל צדק, בב"א.




(פארזעצונג פון זייט 20)

דערמאַנט אָנהייב - אויסער די פילע אַנדערע פאַנטאַסטישע הוצאות וואָס די קהלה האָט, וואָס ליגט באמת אויף יעדן איינעם צוגלייך.

פאַרשטייט זיך אַז למעלה אין להם שיעור. די הנהלת הקהלה איז קיינמאָל נישט צופרידן מיט וויפיל מ'האָט שוין דערגרייכט. מ'זוכט אַלץ צו גיין ווייטער און ווייטער, און מ'טראַכט כסדר אַריין וואָס נאָך מ'קען בעסער מאכ'ן פאַר'ן ציבור. אויפ'ן טיש פון די הנהלת הקהלה ליגט נאָך פאַרשידענע פלענער וואָס מ'האָפט צו השי"ת אַז דאָס וועט זיך אויסאַרבעטן. אָבער קודם מוטשעט מען זיך נאָך מיט די גרויסע לויפענדע הוצאות, און דערצו נאָך צו צאָלן די גרויסע חובות וואָס מען איז פאַרשולדיגט.

**עורך: חובות? ווי אַזוי האָט זיך געשאַפן חובות?**

**ר"י:** דער וועג ווי הנהלת הקהלה האָט ב"ה דערגרייכט צום איצטיגן שטאַפל האָט שוין אָפגעקאָסט פאַנטאַסטישע סכומים, ובפרט אין די ערשטע יאָרן האָט די הנהלת הקהלה כסדר צוגעשטעלט גרויסע פראָיעקטן, און אַלץ געזוכט אַהערצושטעלן וואָס בעסער און שענער לשביעת רצונם המלאה פון אנשי שלומינו, אָפגעזען מיט וועלכע הוצאות דאָס איז געווען פאַרבינדן, און נאָר אַדאַנק די פעולות איז מען ב"ה אָנגעהויבן צום שטאַפל וואו מ'שטייט ב"ה היינט.

**דאָס** גייט צוריק פון די ערשטע יאָרן וואָס קהלתינו הק' האָט זיך פריש אָרגאַניזירט. איך דאַרף נישט דערציילן ווי אַזוי מיר האָבן אויסגעקוקט, און ווי מיר האָבן זיך אַלע געפונען אָן קיין דאָך איבערן קאָפּ. מ'האָט דאַן כסדר געדאַרפט צושטעלן ריזיגע פראָיעקטן, א שטייגער, אויף ימים טובים און שבתים האָט מען צוגעשטעלט די גרויסע שאַטערס, וואָס אויסער דער עצם אַהערשטעלן די שאַטערס, האָט מען געצאָלט גרויסע געלטער אַלעס אַהערצושטעלן, ווי טישן, בענק, לעקטעריק, וואַסער, פאַרענטשעס וואָס מ'האָט דאַן נאָך געדינגן פון אַנדערע פלעצער, א. א. וו. דאָס זעלבע האָט מען צוגעשטעלט די ריזיגע מסיבות פון צייט צו צייט, און אַזוי אַנדערע הוצאות וואָס האָט אַלעס אָפגעקאָסט ריזיגע געלטער, און האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז די צייט ווען די הנהלת הקהלה האָט ב"ה וואונדערליך מצליח געווען אַהערצושטעלן דעם גרויסן ביהמ"ד אין די קורצע צייט פון בלויז צוויי וואָכן.

און דאָס אַלעס איז געווען אין א צייט וואָס די קהלה איז נאָך געווען ווייט פון געהעריג אָרגאַניזירט, אַזוי האָט זיך געמאַכט אַז א חלק פון די אַלע הוצאות האָט מען זיך געדאַרפט באָרגן, און ביז צום היינטיגן טאָג צאָלט מען חובות פון יענע יאָרן.

**עורך: וואָס הייסט אַז נאָר א חלק פון די הוצאות האָט מען געבאָרגט. וואָס איז מיט די אַנדערע חלקים?**

**ווער האָט דאָס באַצאָלט?**

**ר"י:** דער אַלוועלטליכער פינאַנציעלער מצב נאָך געווען פיל בעסער ווי היינט, און נגידים האָבן פיל לייכטער זיך געלאָזט קאָסטן גרעסערע סכומים פאַר פאַרשידענע פראָיעקטן. פאָרט אָבער איז אַלץ געבליבן גרויסע סכומים וואָס מען איז געבליבן שולדיג, סיי פאַר פירמעס און סופלייערס, און סיי פאַר יחידים וואָס האָבן געבאָרגט גרויסע סכומים, און עס איז געבליבן א לאַסט פון שווערע חובות פון וואָס מ'קען נישט פטור ווערן. דאָס איז א חלק וואָס ווערט געצאָלט פונעם דיוס, וואָס "קיינער" קען נישט זאָגן אַז ער האָט נישט נהנה געווען פון די געלטער וואָס די קהלה האָט אין יענע יאָרן אויסגעגעבן...

**עורך: אמת. שוין ס'ווערט שפעט. איצט פארשטיי איך סאַך מער, כ'האָב אַרויס דעם גאַנצן ענין, און עס איז מיר פשוט געווען א קורת רוח זיך איבערצוצייגן וואָס איך אַליינס ביז אַלץ נהנה פון מיין געלט. צאָלן דיוס צאָל איך דאָך סיי-ווי, און איצט וועל איך עס אי"ה ווייטער צאָלן בחפץ לב ובתשואות חן, וויסענדיג ווי שטאַרק איך און נאָך טויזנטער חברי קהלתינו זענען נהנה דערפון.**

**ר"י:** זאָל השי"ת דיר באַצאָלן כפל כלפים בזכות זיכוי הרבים וואָס דער זכות דערפון איז אין לשער.

**עורך: אמן, וכן למר.**






(פארזעצונג פון זייט 10)

ומדי דברו איז כדי מעורר צו זיין דעם ציבור איבער דאס וויכיגקייט אז חברי קהלתינו זאלן מדקדק זיין איינצוקויפן פלייש דייקא אין אנזערע פלייש געשעפטן, ווי עס איז פארלאנגט געווארן דורך מרנן רבוה"ק זי"ע, און ווי יבלחט"א כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א איז כסדר מעורר.

## מצה בעקעריי

"מצות מצוה" איז איינס פון די וויכטיגסטע געברויכן פאר אידן יראים ושלמים, און איז פון די פעולות נחוצות מיט וואס די קהלות קדושות בישראל האבן תמיד באזארגט די חברי הקהלה. קהלתינו הק' איז מיט עטליכע יאר צוריק אריינגעשפרונגן אין דעם וויכטיגן פראיעקט, צוצושטעלן די "סאטמארער מצה בעקעריי" אויפן העכסטן סטאנדארט פון כשרות און הידורים וואס נאר שייך.

די מצות מצוה ווערן געבאקן מיט די בארימטע מהודר'דיגע "אריזאנא ווייץ" און מיט נאך פילצאליגע חומרות, וואס מרישא ועד גמירא "מתחלת הזריעה עד אחד האפיי" זענען די מצות אונטער די שטרענגע השגחה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ובנו הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א, ומוסיפין בקודש, קומען כסדר צו פרישע איינריכטונגען, נייע און פרישע הידורים, אלעס וואס נאר שייך דערמיט נאכצוקומען די כסדר'דיגע סטאנדארטן וואס ווערט פארלאנגט דורך כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

היי יאר איז איינגעשטעלט געווארן אז די גאנצע ארבעט אין די בעקעריי ווערט געטון נאר דורך היימישע יונגעלייט לשם מצות מצוה, א זאך וואס האט ארויסגערופן א שטארקע באגריסונג ביי אידן מדקדקים במצוות.

די גאנצע ארבעט ווערט דורכגעפירט אונטער די כסדר'דיגע אויפזיכט פון הרה"ג ר' הערש לייב בערנשטיין שליט"א מו"ץ בקהילתינו הק' וועלכער גיט אכטונג אויף יעדע קלייניגקייט אין דעם בית האופה אז אלע חומרות והידורים זאלן ווערן אויסגעפירט הונדערט פראצענט.

## מקוה טהרה

בסייעתא דשמיא איז געלונגען פאר הגה"צ אבד"ק שליט"א אהערצושטעלן דעם ריזן פראיעקט פאר יסוד קדושתן של ישראל, דער פראיעקט וואס ווערט איצט פארענדיגט, ציט אריין אין שווערע מיליאנען דאלארן.

דער קאמפליצירטער און פארצווייגטער פראיעקט ווערט באגלייט מיט די פערזענליכע כוחות פון הגה"צ אבד"ק שליט"א וועלכער איז אריינגעטון בעובי הקורה זיכער צו מאכן אז אלעס ווערט אהערגעשטעלט על צד היותר טוב, אויפן שענסטן פארנעם וואס נאר שייך.

דער פראיעקט גייט אן מיט פולסטן טעמפא, און וועט האפענטליך שוין גאנץ בקרוב שטיין צום באנוץ פונעם ציבור להרבות קדושה וטהרה לטובת אלפי חברי קהלתינו הק' דקהל יטב לב דסאטמאר.

כהנה וכהנה קען מען אויסרעכענען פארשידענע פעולות פון אונזער הייליגע קהלה פון וואס יעדער יחיד בלי יוצא מן הכלל געניסט כסדר, און נאך פילצאליגע פעולות זענען פארהאן וואס איז נאכנישט אויסגערעכענט געווארן ביז אהער, ווי: "ועד משמרת הכשרות"; "משמרת חומותיך" אנצוגיין מיט די מלחמה לה' בעמלק קעגן די כתות הציונים וגוריהן; "ועד מורא מקדש" מרומם צו זיין דעם קרן התפלה וקדושת ביהמ"ד; "ועד לצמצום ההוצאות" ביי שמחות וואס אנ"ש פראווען כפי בקשת כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א; עטליכע "קופות גמ"ח"; "חברה משניות" ועוד ועוד אלעס וואס עס פעלט זיך נאר אויס אין יעדן הינזיכט אויף טריט און שריט פונעם אידישן לעבנסשטייגער.

ווי דערמאנט. דער וועג ווי אזוי די חברי הקהלה האבן דעם שייכות צו די קהלה, איז דורכן צאלן מעמבערשיפ וועלכע איז דער פינאנציעלער יסוד פאר די אלע אנגייענדע אקטיוויטעטן. די מעמבערשיפ הכנסות דעקט בעיקר פארשידענע פראיעקטן פון די קהלה, פון וואס "יעדער איינער" איז נהנה, און עס איז יושר'דיג און תורה'דיג אז די בני הקהלה וואס זענען דערפון נהנה זאלן ארויסנעמען זייער חלק דערין דורכן אויסצאלן דעם מינימאלן אפצאל וואס ווערט פארלאנגט.


כולל תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר
התאחדות אברכים
בית הוראה
מקוה טהרה דקהל יטב לב דסאטמאר
פלייש געשעפט דקהל יטב לב דסאטמאר MEAT & TAKEOUT
בית אופה דקהל יטב לב דסאטמאר




# געהויבענע מעמדים

## איבער'ן יאר בצל הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א



שבת שובה דרשה דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א - צום גדלי' תשע"ב



דער גרויסער נעילת החג טיש
מוצאי שמחת תורה תשע"ב



סליחות ערב ראש השנה
בצל כ"ק מרן רבינו שליט"א



הושענא רבה תשע"ב



שולחן הטהור אין די גרויסע סוכה אושפיזא דאהרן כהנא קדישא
צוזאמען מיט די שמחת התנאים פון בן הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א ונכד כ"ק מרן רבינו שליט"א



שושן פורים תשע"א

### חתונה פון נכד כ"ק מרן רבינו שליט"א

חמשה עשר בשבט תשע"א - בבית מדרשינו הגדול



בשעת'ן מצוה טאנץ



חופה פארענט פון בית מדרשינו הגדול



פירות לכבוד חמשה עשר בשבט



רקודין של מצוה



חנוכה תשע"ב

# בית אופה

## דקהל יטב לב דסאטמאר

322 Rutledge St. Brooklyn NY 11211 • Tel. 718-522-2622 – Fax: 718-522-2722

בס"ד

# מודעה משמחת

מיט גרויס פרייד טוען מיר מודיע זיין פארן ציבור
אנשי שלומינו חברי קהלתינו הק' הע"י מדקדקים במצוות,
אז מיר האבן שוין אנגעהויבן צו באקן מצות מהודרים
אויפן קומענדיגען יו"ט פסח הבעל"ט

**אלע אונזערע מצות שמורה ווערן געבאקן**
**ביי אונז אין בעקעריי**

# דורך היימישע יונגעלייט

ווי באקאנט איז אונזער מצה בעקעריי געשטעלט געווארן
לויט די חומרות והידורים
פון מרנן רבוה"ק בעל **דברי יואל** ובעל **ברך משה** זי"ע
און לויט די פערזענליכע הוראות פון
**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**
די בעקעריי שטייט אונטער די שטרענגע השגחה פון
**הגה"צ אב"ד ור"מ קהלתינו הק' שליט"א**
ובפיקוח **הרה"ג ר' הערש לייב בערנשטיין שליט"א,**
מו"צ שעי"ק קהלתינו הק'







אלע מצות וואס ווערן ביי אונז געבאקן זענען פון די

# מהודר'דיגע אריזאנא ווייץ

**שמורה משעת קצירה בלי**
**שום חשש מבוקעות ומצומחות כידוע**

אונזערע מצות זענען אויך באוואוסט מיט
זייער שיינקייט, געשמאק און טעם,
צום פארגעניגן פון די פילע
צופרידענע קאסטומערס

## מכתב קודש

**מכ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**

ב"ה

החלטת הקהל שעשו בענין המצות היא בתוקפה, **ואסור לשום חבר מחברי קהלתינו לקנות מצות על פסח ממקום אחר, מחמת שהוא גוזל את הרבים ועוד הרבה טעמים אמיתים***.

באעה"ח אור ליום ג' לס' והשיב את הגזילה, התשכ"א לפ"ג, פה ברוקלין יצ"ו

**הק' יואל טייטלבוים**

*רבינו הי' רגיל לומר, סדר אפי' כזו שהנהיג בבית אופה שלו לצאת ידי כמה וכמה חומרות, לא נמצא בשום בית אופה אחר.
(דברי יואל מכתבים ח"ב מכתב ט"ז)

מיר שטייען גרייט אייך צו באדינען
מיט אונזער העפליכע סערוויס

**פאר אפוינטמענטס און באשטעלונגען ביטע רופט:**

**הרב בנש"ק**
# ר' אלי' הערשקאוויטש שליט"א
מנהל בית האופה

# 718-522-2622

און מיר וועלן פרובירן בעזהשי"ת יעדן איינעם
צופרידן שטעלן על צד היותר טוב

מיט אכטונג
## הנהלת הבית אופה